STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01356

SHPANYE

Israel Ber Bailin

Permanent preservation of this book was made possible by
Leon & Eleanor Eidels
in honor of
Ethel Lourie's 80th birthday

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

י. ב. ביילין

שפאניע

אין ברעג פון בירגער־קריג

ISBN: 0-657-01356-0
Old Call#:98-1402, Vol.

פאַרלאַג אידביוראָ

פרייז 5 סענט

אַרויסגעגעבן פון דער
אידישער ביוראָ באַם צענטראַל-קאָמיטעט
פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי
פון די פאַראייניקטע שטאַטן

•

ניו יאָרק, סעפטעמבער, 1936.

•

טיראַזש : 3,000

209

שפאניע — אין ברען פון בירגער־קריג

זינט יענע „צען טעג וואס האבן צעטרייסלט די וועלט” איז נאך ניט געווען אזא אלוועלטלעכער נערוועזער הארץ־ציטער, ווי אין די לעצטע וואכן, זינט עס האט זיך אנגעהויבן דער דראמאטישער בלוטיקער געפעכט אין שפאניע. דער וואג־שאל וויגט זיך ארויף און אראפ. דער אומרו (פערפענדיקל) צאפלט זיך אהער און אהין. דאס הארץ פאלט איין ווען מ׳נעמט א ציימונג אין די הענט: וועט געלינגען די העלדישע קעמפער איינצוהאלטן זייערע פאזיציעס מיט זייער קוראזש און אנטשלאסנקייט קעגן די טרענירטע, גוט־ארגאניזירטע און שווער־באוואפנטע פאשיסטישע שדים? וועט געלינגען די דעמאקראטישע און פרייהייט־ליבנדיקע כוחות אף דער וועלט צו פענטען די לאפעס פון די מוסאלינים און היטלערס, וואס האלטן אין איין ליווערן מארד־געצייג צו זייערע שפאנישע בראנד־ברידער? וועט געלינגען די פרידלעכע כוחות פון דער וועלט אויסצולעשן דעם נאפט־איינגעטונקטן קנויט, וואס דראעט מיט זיינע מלחמה־פלאמען דער גאנצער וועלט?

אין דער זעלבער צייט צעבליצן זיך אין מוח פיינלעכע פראגן: פארוואס שטייט אן א זייט די פראנצויזישע פאלקס־פראנט רעגירונג מיט דעם סאציאליסט לעאן בלום בראש? פארוואס פאדערט זי בלויז נייטראליטעט, בעת א פאלק פארטיידיקט זיך קעגן מערדער? פארוואס שיקט זי ניט אמוניציע אפענערהייט און אירע לופט־פליער און מיליטערישע עקספערטן צו העלפן די ארבעטער, פויערים און אנדערע הארעפאשניקעס אין זייער קאמף אף לעבן און טויט?!

און א טייל חברים שטיקן זיך מיט דער הארבער

פראגע: פאַרוואָס פאַרשמעלערן די לאָזונגען בײַ די מאַסן אין שפּאַניע? פאַרוואָס שוין ניט פאַר דעם זעלבן אָפּגעלאָפּענעם בלוט און טויזנטער קרבנות, איינמאָל פאַר אַלע מאָל אַרויסשטעלן דעם לאָזונג פון סאָציאַלער רעוואָלוציע, די גאַנצע מאַכט — די אַר־בעטנדיקע קלאַסן? פאַרוואָס ניט באַנוצן זיך מיט דער באַוואָפענונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס און אָרעמען פּויערטום און דורכפירן די קאָלעקטיוויזירונג פון אַלע אינדוסטריעס? און די פראַגע ווערט נאָך באַפעסטיקט מיט דעם מאָטיוו — דאָס וואָלט דאָך געמאַכט, אַז די אַרבעטער און פּויערים זאָלן נאָך מער פאַרטאָפּלען זייערע אָנשטרענגונגען! זיי וואָלטן זיך דאָך אין אַזאַ פאַל געשלאָגן פאַר זייער אייגן לאַנד, פאַר זייערע אייגענע היימען און אינדוסטריעס! דאָס וואָלט דאָך צוגענומען די לעצטע אָנהאַלט־באַזע פון די פאַשיסטישע רוצחים צווישן דעם אָפּגעשטאַנענעם טייל פון פּויערטום, וואָס גייט נאָך מיט זיי!

גלייכצייטיק ווערן זיך אויך פראַגן אין פאַר־בינדונג מיט פאַראויסזאָגונגען וועגן אויסגאַנג פון דעם קאַמף אין דער נאָענטסטער צייט; וועגן דער ראָלע פון פאַרשיידענע מלוכות אין דעם קאַמף, וועגן דעם מעגלעכן דויער פונעם בירגער־קריג און זיין איינפלוס אויף די וועלט־געשעענישן.

אָבער איידער מיר טרעטן־צו צו די אָנגעוואָרפענע פראַגן, און כדי מיר זאָלן זיך בעסער קענען אָריענטירן אין זיי, איז נויטיק צו האָבן אַמווייניקסטנס אַ קורצן היסטאָרישן און געאָגראַפישן איבערבליק איבער דער אַנטוויקלונג פון שפּאַניע אין די לעצטע יאָרהונדערטן.

שפּאַניע אין אויפבלי און אין צוריקגאַנג

עס איז פאַראַן אַן אַלט ווערטל: „אַפריקע הייבט זיך אָן בײַ די פּירענייען־בערג." די פּירענייען טיילן שפּאַניע מער אָפּ פון מערב־אייראָפּע ווי די אַלפּן־בערג אין פאַל מיט איטאַליע. דער באַרימטער געאָגראַף רעקלוס האַלט, אַז שפּאַניע איז אין איר כאַראַקטער מער אַפריקאַניש ווי אייראָפּייאיש. דער קלימאַט איז כמעט דער זעלבער ווי אויפן אַנטקעגנדיקן אַפריקאַנישן

ברעג. דאָס לאַנד איז פּונקט אַזוי איבערגעבראָכן מיט בערג אַזוי ווי צפון־אַפריקע. פּונקט ווי דאָרט, ווערן אין שפּאַניע דורכן זומער אויסגעטריקנט די טייכן און ווען זיי ווערן שוין פול — ווערן זיי פאַרוואַנדלט אין מעכטיקע אומצאַמבאַרע שטראָמען, וואָס דערלויבן ניט קיין שום נאַוויגאַציע. רעגנס זיינען אין דעם גרעסטן טייל פון לאַנד זעלטענע געסט. דאָס לאַנד ליגט דעריבער אַ פאַרשמאַכטע פון די גוואַלטיקע היצן. די גערעטענישן זיינען, אָן קינסטלעכער באַוואַסערונג, זייער קלאָגעדיקע. צוליב די בערג־קייטן, וואָס צע־פלעכטן זיך אין פאַרשיידענע ריכטונגען, איז גאַנצע יאָרהונדערטער געווען שווער צו פאַראייניקן דאָס לאַנד אין איין מעכטיקער מלוכה.

שפּאַניע איז אויך פּאָליטיש געווען, אַמווייניקסטנס אַ היפּשער טייל פון איר, הונדערטער יאָרן אַפריקאַניש. אָבער גראָד איז דאָס געווען איר אויפבלי־צייט. בעת גאַנץ אייראָפּע איז געווען פאַרזונקען אין דעם טיפן חושך פון מיטלאַלטער און פאַנאַנדערפאַל, בעת די קאַ־טוילישע קירך האָט געהאַט די אַליינהערשאַפט איבער אייראָפּע'ס געדאַנקען־וועלט און די גאַנצע פריערדיקע גריכישע און רוימישע ציוויליזאַציעס זיינען געלעגן אונטער דעם אַש פון פאַרגעסנקייט, זיינען אין שפּאַניע אונטער דער הערשאַפט פון די מורן געווען אַזעלכע ליכטיקע צענטערס ווי טאָלעדאָ און קאָרדאָוואַ. זייערע אוניווערזיטעטן און ביבליאָטעקן, זייערע מוזייאומס און טעאַטערס האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט דאָס סאַמע העכסטע אין דער דעמאָלטיקער אַראַבישער ציוויליזאַציע.

דאָס האָט זיך אויך אָפּגערופן אַף דעם מאַטעריעלן וואוילשטאַנד פון דער באַפעלקערונג. דאָס לאַנד איז געוואָרן קינסטלעך באַוואַסערט און האָט אַרויסגעגעבן רייכע גערעטענישן. אין די שטעט זיינען געווען אַנט־וויקלט די פאַרשיידנסטע מלאכות און אינדוסטריעס. האַנדל האָט געבליט מיט אַפריקע, איטאַליע, און קליין־אַזיע. די וועגן זיינען געווען זיכער און דער ים ריין פון פּיראַטן. ניט קיין וואונדער, וואָס דאָס לאַנד האָט שוין מיט טויזנט יאָר צוריק געקענט אויסהאַלטן אַף

זיך אַ באַפעלקערונג פון 30 מיליאָן מענטשן, צווישן זיי הונדערטער טויזנטער אידן.

די מורישע הערשאַפט אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 711 לויט דער איצטיקער צייטרעכענונג. אָבער אין די שפּעטערדיקע יאָרהונדערטער זיינען זיי ביסלעכווייז, ביסלעכווייז אַרויסגעשטויסן געוואָרן. אין 1492 פאַרלירן זיי זייער לעצטע פעסטונג — גראַנאַדאַ.

„די קריסטלעכע קירך האָט פולשטענדיק געזיגט אין שפּאַניע איבער דער מאַכמעדאַנישער. דער צלם האָט טריאומפירט איבער דער האַלבער לבנה", אַזוי איז פאַרשריבן אין די כראָניקעס.

„די אויפלעבונג אין איראָפּע — דער רענעסאַנס — דער פאָרגייער פונעם מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם, האָט זיך אָנגעהויבן אין איטאַליע" — אַזוי פאַרזיכערן אונדז מערסטע היסטאָריקער.

ביידע באַהויפּטונגען זיינען פאַלש. זיי זיינען פאַרוואָרצלט געוואָרן דורך דער קאַטוילישער קירך און באַאיינפלוסט געוואָרן אין אַזאַ מאָס, אַז פיל ערלעכע היסטאָריקער האָבן זיך ניט געכאַפּט, ווי זיי זינגען נאָך אַ רוימיש־קאַטוילישן פּזמון.

דער אמת איז, אַז די אויפלעבונג אין איראָפּע איז געקומען דורך שפּאַניע. די אַראַבישע קולטור, וואָס איז באַשטאַנען פון אַן איינגנאַרטיקן, שעפערישן איבערנעמען די גריכיש־רוימישע קולטורן, האָט זיך דורכפילטרירט דורך שפּאַניע קיין פראַנקרייך, איטאַליע און ענגלאַנד און פון דאָרט אין די צענטראַלע לענדער פון איראָפּע. אגב האָבן די שפּאַנישע אידן, וואָס האָבן געפירט האַנדל, אָדער איבערגעוואַנדערט, אין די דערמאָנטע לענדער ניט געשפּילט אין דעם די לעצטע ראָלע.

דער אמת איז, אַז די באַזיגטע „האַלבע לבנה" אין שפּאַניע האָט פאַקטיש דערלאַנגט אַ הילכיקן זעץ דעם קאַטאָליציזם אין דער געשטאַלט פון דעם רענעסאַנס און רעפאָרמאַציע, און גלייכצייטיק אָנגעהויבן אונטערצוזעגן די שטאַמען אויף וועלכע דער גאַנצער פעאָדאַליזם אין איראָפּע האָט זיך געהאַלטן.

אָבער די קריסטלעכע הערשנדיקע קלאַסן אין שפּאַניע גופא האָבן באַוויזן אויסצורייסן מיטן וואָרצל יעדן שפּור פון דער אַראַבישער קולטור. דורך זייער אַרויסטרייבן די אידן און די מורן (1492) און דורך זייערע אינקוויזיציעס אַף די מאַראַנען און מאָריסקאָס (געשמד'טע אידן און מורן) האָבן זיי פאַרלענדט יעדן שפּור פון דעם פּראָגרעסיוון און שעפערישן גייסט, וואָס איז נאָך געבליבן פון דער אַראַבישער ציוויליזאַציע. זיי האָבן חרוב געמאַכט די בליענדיקע אַגריקולטור, צעשטערט די שטאָטישע אינדוסטריעס און אויסגעכאָוועט באַ זיך אַ פּאַראַזיטן־קלאַס פון מיליטערישע אַוואַנטוריסטן און פעאָדאַלן, וואָס וויל זיך אפילו איצט רואיק ניט אָפּטראָגן אין זיין רו אַריין, איידער ער מאַכט זיין לעצטן בלוטיקן גסיסה־צוק.

דער דאָזיקער קלאַס פּאַראַזיטן־פעאָדאַלן איז אויסגעוואקסן אין פאַרלויף פון די פאַרצויגענע מלחמות מיט די מורן און איז זיך נאָך מער צעוואקסן זינט דער צייט, וואָס קאָלאָמבוס האָט געפונען אַמעריקע און עס זיינען אַריינגעפאַלן אין די שפּאַנישע הענט די ריזיקע טעריטאָריעס פון גאַנץ דרום און צענטראַל־אַמעריקע און שטרעקעס פון צפון־אַמעריקע.

שפּאַניע איז געוואָרן די גרעסטע אימפּעריאַליסטישע ים־מאַכט. איז איז פאָרגעשטאַנען צו ווערן דאָס ערשטע קאַפּיטאַליסטיש לאַנד אין דער וועלט און זי וואָלט עס געוואָרן, ווען ניט די פּאַראַזיטיש־רויבערישע אַפּעטיטן פון אירע פעאָדאַלן און איר קירך.

עס איז ניט אין דער נאַטור פון דעם פּאַראַזיטישן פעאָדאַל וועלכע עס איז אונטערנעמערישקייט, אויסער רויב. רעקלוט באַהויפּטעט, אַז אין דעם 16טן און אין דעם 17טן יאָרהונדערט האָט מען אַרויסגעפירט פון דרום־אַמעריקע קיין שפּאַניע, בלויז אין ווערטפולע מעטאַלן, אַ באַטרעף פון 54 ביליאָן גאָלד־פראַנק. די שפּאַנישע מיליטער־פירער האָבן ניט בלויז פאַרכאַפּט דעם גאַנצן פרוכטבאַרן באָדן אין שפּאַניע גופא און פאַריאָכט די פויערים, נאָר זיי האָבן אויך פאַרכאַפּט פאַר זיך דעם גאַנצן צענטראַל־ און דרום־אַמעריקאַנישן

קאנטינענט (מיטן אויסנאם פון בראזיל, וואס פארטוגאל האט פארכאפט), און פיל פון די ארומיקע אינזלען. עס איז נישטא קיין פארברעכן, וואס די דאזיקע „שיינע" אדל־לייט זאלן ניט האבן באגאנגען, בשותפות מיט דער קאטוילישער קירך, קעגן די אומגליקלעכע פרידלעכע איינוואוינער, וואס זיי האבן פראסט־פשוט אויסגעקוילעט. ארום צוועלף מיליאן מענטשן זיינען אומגעבראכט געווארן אין פייער און אין שווערד, אין הונגער און אין מגפות, דורך די שפאנישע אדל־לייט אין צענטראל־ און דרום־אמעריקע, וועמעס אייניקלעך, וועלכע גייען אין זייערע פוס־טריט, ווילן עס איצט „ראטעווען" שפאניע פון די „באלשעוויסטישע שרעקן". וואס טויגן זיי, די שפאנישע רויבער, מענטשן? זיי דארפן האבן נייע פארטיקע אוצרות צו ראבעווען. שפאניע ברייטערט אויס איר הערשאפט אין אפריקע, אין פלאנדערן און אין האלאנד.

די מיליטערישע פעאדאלן און די קירך אין שפאניע האבן אנגעקליבן לעגענדארע פארמעגנס אן וועלכע עס איז קאפ־דרייעניש און אן וועלכן עס איז אונטערנעמערישן ריסק. אין פארלויף פון 16טן, 17טן און 18טן יארהונדערטער איז די עקאנאמיק אין שפאניע גופא געזונקען פון יאר צו יאר. די גאנצע איריגאציע־סיסטעם אף די פעלדער איז פארניכטעט געווארן. די מורן, וועלכע זיינען געווען צוגעפאסט צו דעם שפאנישן הייסן קלימאט, ספעציעל אין דער אגריקולטור, זיינען אויסגעראטן געווארן. די אינדוסטריעס זיינען אלץ מער און מער איינגעשרומפן געווארן, ביז זיי זיינען אזוי גוט ווי פארניכטעט געווארן. אין דעם שפאנישן אויפבלי האט די אינדוסטריעלע שטאט סעוויל געהאט א טעקסטיל־אינדוסטריע פון 16 טויזנט וועב־שטולן און אין דער צייט פון פיליפ דעם 5טן זיינען שוין פון דעם אלץ געבליבן בלויז 300 שטולן. טאלעדא האט אין איר בלי־צייט געהאט פופציק וואלפאבריקן, אף וועלכע עס זיינען געווען באשעפטיקט טויזנטער ארבעטער, און אין 1665 זיינען געבליבן בלויז 13 קליינע פאבריקן. די זייד־אינדוסטריע אין טאלעדא האט אונטער די מורן באשעפטיקט 40 טויזנט וועבער.

אונטער די „הייליקע״ קריסטלעכע פעאָדאַלן איז כמעט די גאַנצע אינדוסטריע פאַרשוואונדן.

און אַזוי אויך מיט דער וויין־אינדוסטריע, מיט דער אָליוור־פּראָדוקציע. רייכע שטעט, וואָס האָבן גע־קאָכט מיט צענדליקער טויזנטער מענטשן, זיינען ליידיק געוואָרן. זייער באַפעלקערונג איז אויסגעגאַנגען פון הונגער. גאַנץ קאַסטיליע איז כמעט חרוב געוואָרן. אַזעלכע שטעט ווי סעגאָוויע, בורגאָס זיינען מער ווי אַף אַ העלפט אויסגעליידיקט געוואָרן און אין די סאַמע אומגעבונגען פון מאַדריד זיינען מענטשן אויסגע־גאַנגען פון הונגער אין דעם 18טן און אין 19טן יאָר־הונדערט.

אין מיטן פון 18טן יאָרהונדערט האָט שוין שפּאַניע געציילט בלויז 8 מיליאָן נפשות. די ירידה איז פאָרגעקומען אַפן גאַנצן פראָנט. אָבער די פעאָ־דאַלן זיינען זיך געזעסן רואיק אַף זייערע מיליאָנען הכנסות.

דער אָנהייב פון דעם 19טן יאָרהונדערט האָט שוין אָנגעהויבן אויסצוטשוכען אַ טייל פון די פעאָדאַלן. די אויפשטאַנדן פון די דרום־אַמעריקאַנער פעלקער האָט זיי דערלאַנגט איבער זייער בייטל און איבער זייער קאָפּ. איין רעוואָלוציע האָט נאָכגעפאָלגט אַ צווייטער און די שפּאַנישע הערשאַפט איז אַרויסגעשטופּט גע־וואָרן פון כמעט גאַנץ צענטראַל־ און דרום־אַמעריקע. אויך אין אַפריקע האָט פראַנקרייך ביסלעכוויז אַרויס־געשטופּט די שפּאַנישע הערשער, ביז זיי זיינען גע־בליבן מיט אַ קליינעם פּאַס פון מאַראָקאָ, לעבן דעם גיבראַלטאַר ים־איינגוס.

פון דעם גרויסן בער איז געבליבן אַ דאַרע מויז. די שפּאַנישע פּאַראַזיטן האָבן גענומען שוין זוכן עקס־פּלואַטיר־קוואַלן אין לאַנד גופא. זיי האָבן פאַרגרע־סערט די טאַקסעס אַף די שטאָטישע און דאָרפישע מאַסן; זיי האָבן באַשאַפן הויכע טאַריף־אָפּצאָלן און גענומען איינלאַדן אויסלענדישן קאַפּיטאַל, כדי בשותפות מיט זיי צו באַשאַפן נייע קוואַלן פון עקס־פּלואַטאַציע. דער קאַפּיטאַליזם האָט זיך אָבער אָנגע־שטויסן אין לאַנד אַף צענדליקער שוועריקייטן, אַף דער

צעברעקלונג פון די געגנטן און אף דער גרינטלעכער-
אָרעמקייט פון די פּויערים.

אין 1854 האָט מאַרקס געשריבן אין זיין אַרטיקל „די רעוואָלוציאָנערע שפּאַניע" (ניו יאָרק „טריביון", סעפּטעמבער 9, ציטירט לויט ע. וואַרגאַ):

„פונקט ווי טערקיי, אַזוי איז שפּאַניע געבליבן אַ מיש־מאַש פון שלעכט־פאַרוואַלטעטע פּראָווינצן, וואָס האָבן פאַרשיידענע מיליטערישע פאָרמען און פאַרשיידנאַרטיקע פלאַגן און פאַרשיידענע טאַקסע־סיסטעמען."

די קאַפּיטאַלן פון ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און שפּעטער פון איטאַליע, וואָס זיינען אַריינגעלייגט געוואָרן אין די באַן־ און מאַין־אינדוסטריעס, זיינען אויך געוועזן אויסערגעוויינלעכע רויב־קאַפּיטאַלן. זייער עקספּלואַטאַציע איז געווען פון דעם קאָלאָניאַלן מין, אַ זשעדנע און אַ בלוט־נעגלדיקע. זיי האָבן אין לאַנד ניט אַריינגעבראַכט קיין שום פּראָספּעריטי־כוואַליע. די לוינען זיינען אין אַלע צייטן געבליבן הונגער־לוינען. דער לעבנס־סטאַנדאַרד פון די אַרבעטער אין די שטעט און פון די פּויערים אין די דערפער איז ניט קיין קאַפּיטאַליסטישער נאָר אַ פעאָדאַלער סטאַנדאַרד. עס זיינען געבליבן אַלע פעאָדאַלע פּרעראָגאַטיוון און אַלע רעכטלאָזיקייטן פון די מאַסן אונטער אַ פעאָדאַלן רעזשים.

נאָך מיט 60 יאָר צוריק האָט ענגעלס, אין זיין ווערק „די באַקוניניסטן באַ דער אַרבעט", געשריבן וועגן שפּאַניע:

„. . . איידער די באַפרייאונג פון אַרבעטער־קלאַס קען פאָרקומען, מוז שפּאַניע דורכגיין פאַר־שיידענע פאַר־שטופן פון אַנטוויקלונג און אָפּרייניקן פון וועג אַ גאַנצע ריי שטערונגען. די רעפּובליק (וואָס האָט געהאַט אַ קורץ לעבן.—י. ב. ב.) האָט געגעבן די מעגלעכקייט צו קאָנדענסירן די דאָזיקע שטופן אין דער מעגלעכסט קירצסטער צייט און אָפּ־צורייניקן די שטערונגען פון וועג אַזוי שנעל ווי

מעגלעך.״ (זייט 12 אין דער בערלינער נייער אויס־
גאַבע פון 1920.)

דער סוף פון דעם 19טן יאָרהונדערט איז אויך גע־
ווען דער סוף פון שפּאַניע׳ס אימפּעריאַליסטישער מאַכט. דער אַמעריקאַנער אימפּעריאַליזם האָט איר דערלאַנגט דעם לעצטן זעץ, אָפּגענומען פון איר די פיליפּינען און אַרויסגעריסן פון אירע נעגל קובאַ. שפּאַניע איז געבליבן בלויז באַ איר אייגענער טערי־
טאָריע מיט די קאַנארישע אינזלען און דעם שטיקל פּאַס פון מאַראָקאָ, וואו זי האָט צו זינגען און צו זאָגן יעדע עטלעכע יאָר פון די ריף־שבטים־אויפשטאַנדן.

שפּאַניע אין די לעצטע יאָרן

עס טאָר ניט בלייבן דער איינדרוק, אַז דורך דער גאַנצער צייט איז דאָס שפּאַנישע פאָלק געלעגן רואיק אונטער דעם קנאַפּל פון זיינע אונטערדריקער און אַז ער האָט זיך ניט געפּרואווט באַפרייען פון די פעאָדאַלע קייטן און קירכע־פּענטעס. גראָד פאַרקערט: עס איז כמעט נישטאָ קיין שום לאַנד אין דער וועלט, וואָס זאָל האָבן דורכגעמאַכט אַזויפיל אויפשטאַנדן, מלוכה־איבערקערענישן און רעוואָלוציעס, ווי שפּאַניע.

די דאָזיקע רעוואָלוציעס און אויפשטאַנדן זיינען שטענדיק געווען פאַרצוויגענע. נאָך מיט 82 יאָר צוריק האָט קאַרל מאַרקס געשריבן („ניו יאָרק טריביון״, סעפּטעמבער 9, 1854):

> „שפּאַניע האָט קיינמאָל ניט אָנגענומען דעם מאָדערנעם פראַנצויזישן אופן פון אָנהייבן און פאַרענדיקן אַ רעוואָלוציע אין פאַרלויף פון דריי טעג... עס זעט אויס, אַז דריי יאָר איז דער קלענס־טער פּעריאָד פאַר אַ שפּאַנישער רעוואָלוציע, און איר איצטיקער רעוואָלוציאָנערער ציקל דויערט שוין דערוויל ניין יאָר.״

צענדליקער מאָל האָט מען „פאַרוועלטלעכט״ דעם קירכע־פאַרמעגן; צענדליקער מאָל האָט מען אַרויסגע־
טריבן די יעזואיטן פונעם לאַנד, כדי צו באַרואיקן אַף

א ווילע די מאסן. אזעלכע „באפרייאונגען פון יעזו־איטן” זיינען פארגעקומען אף א גרויסן מאסשטאב אין די יארן 1767, 1808, 1836 און 1852. פאלשע באוועגונגען צו פארפירן די מאסן און אפלענקען זייער רעוואלוציאנערן צארן זיינען פארגעקומען אף פאר־שיידענע אופנים. די קארליסטן־באוועגונג — א מאָ־נארכיסטיש־„רעוואלוציאנערע” באוועגונג, וואס האט זיך אנגעהויבן נאכן טויט פון פערדינאנד דעם 7טן. ארויפצוזעצן אפן טראן דעם פרעטענדענט קארל — האט פארפירט היפשע מאסן, ווען מ'האט איינגע־רעדט, אז אלע צרות פון די פאלקס־מאסן אין שפאניע נעמען זיך פון דעם, וואס דער אמת'ער יורש פון טראן איז געקריוודעט געווארן. נאר אין אזא אפגעשטאנען און פינצטער־געהאלטן לאנד האט אזא באוועגונג גע־קענט אנהאלטן אזויפיל צענדליקער יארן. נאר אין אזא אפגעשטאנען לאנד האט מען נאך יעדער רעוואָ־לוציע גלייך געמאכט א קאנטר־רעוואלוציע און אפגע־נומען גלייך אלע פארדינסטן פון דער רעוואלוציע.

די אפגעשטאנקייט אין מאטעריעלן זין האבן מיר שוין אויבן אנגעוויזן. זאל דאס געגוג זיין מיט דעם צוגאב פון איניקע אילוסטראציעס: מיר'ן נעמען דעם טראנספארט אין לאנד. די אינעווייניקסטע טייכן האבן קיין שום באדייטונג ניט פארן טראנספארט. זיי זיינען אדער טרוקן, אז מ'קען זיי איבערשפרייזן, אדער אזוי ראש־שטראמיק, אז א שיף וואלט צעשמעטערט געווארן. אטאמאביל־וועגן זיינען צוליב דעם בארגיקן כאראקטער פון לאנד פארבונדן מיט א מאסע טונעלן־ארבעט און ריזיקע הוצאות און זיי זיינען דא אין א גאר קליינער צאל. אפילו די בארג־דורכגאנגען זיינען אויך ווייניק אין צאל און קענען זיך פארגלייכן אין זייער קליינער צאל בלויז מיט עטיאפיע און טיבעט. אפטמאל דארף מען אנלייגן צענדליקער מיילן, כדי צו קענען צוקומען צו א געוויסן פונקט וואס איז נאר ווייט 2־3 מייל.

אויך די באנען זיינען זייער צוריקגעשטאנען אין פארגלייך מיט וועלכן עס איז אנדער לאנד אין איי־ראפע. צום סוף 1932 האט אף יעדע 100 סקוועיר

קילאָמעטער ענגלאַנד געהאַט 14.2 קילאָמעטער באַן־וועג; דייטשלאַנד — 12.5; פראַנקרייך — 11.6 און שפּאַניע בלויז 3.2 קילאָמעטער פון באַן־וועג. די באַן־הוצאות זיינען זייער הויך און דער רעזולטאַט איז, אַז מ׳באַנוצט זיך קנאַפּ־וואָס אין שפּאַניע מיט דער באַן. די מאַסן באַוועגן זיך אין שפּאַניע זייער זעלטן פון איין פּראָווינץ אין אַ צווייטער. מענטשן לעבן און שטאַרבן דאָרט וואו זיי זיינען געבאָרן געוואָרן. לויט דער רעגירונגס־סטאַטיסטיק פון 1930 זיינען בלויז 3 מיליאָן פון די 23.6 מיליאָן איינוואוינער אין די 50 פּראָווינצן געבאָרן געוואָרן אין אַנדערע ערטער.

אַ געוויסע ראָלע אין דער צוריקגעשטאַנענקייט שפּילט אויך דער שיטערער ישוב, הויפּטזאַכלעך אין די דרום־פּראָווינצן. נאָך פראַנקרייך איז שפּאַניע דאָס גרעסטע קאַפּיטאַליסטישע לאַנד אין אייראָפּע, לויט איר טעריטאָריע, און זי האָט בלויז אַ באַפעלקערונג פון 24 מיליאָן. שפּאַניע האָט בלויז 50 נפשות אַף יעדן סקווער קילאָמעטער אין פאַרגלייך מיט 76 אין פראַנקרייך, 133 אין איטאַליע, 140 אין דייטשלאַנד און 264 אין ענגלאַנד. אין שפּאַניע גופא איז דער אונטערשייד אין דער געדיכטקייט פון פאַרשיידענע פּראָווינצן זייער גרויס. בעת סאָריאָ האָט בלויז 15 נפשות אַף יעדן סקווער קילאָמעטער און הועסקאַ — 16, האָט ביסקייאַ — 224 און באַרצעלאָנאַ — 234.

די צוריקגעשטאַנענקייט פון דער אַגריקולטור איז אַזוי גרויס, אַז כאָטש דאָס לאַנד איז אַזוי געראַם און די באַפעלקערונג איז אַזוי שיטער, קען דאָס לאַנד ניט שפּייזן געהעריג אירע איינוואוינער, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס 57 פּראָצענט פון דער גאַנצער באַפעלקערונג איז אין אַגריקולטורעלע. פון דעם גאַנצן לאַנד־שטח, וואָס באַטרעפט 50,510 מיליאָן העקטאַר, ווערט בלויז באַאַרבעט 20,330 מיליאָן העקטאַר. דאָס איבעריקע איז אָדער בערגיק לאַנד, אָדער אויסגעטריקנטער זאַמד, וואָס חלש׳ט נאָך וואַסער כדי עס צו באַלעבן און באַפרוכפּערן. די פּאָליטיק פון די פעאָדאַלע לאַנד־אייגנטימער איז געווען די גאַנצע צייט ניט איינצופירן קיין קינסטלעכע באַוואַסערונג, כדי אָנצוהאַלטן אַ דוחק אין

אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן, וואָס עס ברענגט פאַר זיי העכערע פּרייזן.

איינע פון די אורזאַכן פאַר דער אָפּגעשטאַנענקייט פון דער לאַנדווירטשאַפט איז, וואָס דער פויערשער ערד־באַזיץ איז אַ צעברעקלטער און אַ קליינער. אָט וואָס עס שרייבט קאַרלאָ סאַנטאָס אין זיין ווערק „פיר יאָר פון דעם רעפּובליקאַנישן עקספּערימענט, 1931—1935“:

„95 פּראָצענט פון דעם סך־הכל אַגריקולטורעלע באַלעבאַטישקייטן אין שפּאַניע פאַרמאָגן בלויז אַרום 5 מיליאָן העקטאַר לאַנד, בעת בלויז 35־הונדערטל פון איין פּראָצענט פאַרמאָגט 9 מיליאָן העקטאַר. איין מיליאָן מיטעלע פויערים פאַרמאָגן 6 מיליאָן העקטאַר, בעת 100 טויזנט רייכערע אייגנטימער פאַרמאָגן 12 מיליאָן העקטאַר. אָט די דאָזיקע קאָנטראַסטן שטעלן מיט זיך פאָר די סאָציאַלע פּראָבלעם פון דער שפּאַנישער אַגריקולטור.“

לויט די פּראָווינצן גופא זעען מיר נאָך בולט'ער די קאָנצענטראַציע פונעם לאַנד אין ווייניקע הענט. לויט לוסיען קראָ („ל'עספּאַן עקאָנאָמיק“, פּאַריז, 1932), שטעלן מיט זיך פאָר אַ קליינע צאָל רייכע באַלעבאַטישקייטן לויט דעם פּראָצענט פונעם גאַנצן לאַנד: אין באַדאַכאָז — 51 פּראָצענט; קאַסערעס — 61 פּראָצענט; גראַנאַדאַ — 57; מאַלאַגאַ — 51; קאָרדאָוואַ — 57; סעוויל — 66; און קאַדיקס — 70 פּראָצענט פונעם גאַנצן לאַנד. עס איז ניט קיין צופאַל, וואָס גראָד די דאָזיקע דערמאָנטע פּראָווינצן, מיט דער אויסנאַם פון מאַלאַגאַ און באַדאַכאָז (אגב, ווייזן זיי טאַקע אַ קלענערע קאָנצענטראַציע פון לאַטיפונדיעס) זיינען די ערשטע פאַרכאַפּט געוואָרן פון די פאַשיסטישע גענעראַלן און בעת די שורות ווערן געשריבן, זיינען זיי נאָך אַלץ אין די פאַשיסטישע הענט.

די גרויסע לאַטיפונדיעס ווערן דורך פאַרשיידענע פאַרמיטלער פאַרדונגען צו פאַרמער־טענאַנטס און סאָב־טענאַנטס. די גאַנצע האָרעוואַניע, וואָס אַ פויער־טענאַנט לייגט אַריין אינעם לאַנד וואָס ער באַאַרבעט,

גייט פארלאָרן פאַר אים דעם קומענדיקן יאָר, אויב אים איז ניט געלונגען דורכצוקומען מיטן פאַרמיטלער אָדער מיטן פּריץ דירעקט וועגן דער רענט. אונטער אַזעלכע אומשטענדן לוינט זיך ניט פאַרן טענאַנט צו פאַרגיטיקן און פערטיליזירן מיט זיין שוויים און בלוט לאַנד, וואָס ער וועט דעם קומענדיקן יאָר שוין מעגלעך ניט האָבן.

האַנט אין האַנט מיט דער צוריקגעשטאַנענער עקאָנאָמיק גייט די צוריקגעשטאַנענקייט אין דער קולטור. 43 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג איז אינגאַנצן אַנאַלפאַבעטיש. אין די דרום־פּראָווינצן (די געגנט וואָס די פאַשיסטן קאָנטראָלירן איצט) דערגרייכט דער אַנאַלפאַבעטיזם ביז 75 פּראָצענט, כאָטש אָפיציעל הייסט עס, אַז שפּאַניע האָט איינגעפירט שול־צוואַנג נאָך אינעם יאָר 1857. די גאַנצע שול־סיסטעם איז געלעגן אין די הענט פון די יעזואיטן. מ׳קען זיך שוין פאָרשטעלן וואָס פאַר אַ בילדונג עס איז געווען. ניט אומזיסט האָט דאָס פאָלק אַזויפיל געקעמפט קעגן דער קירכלעכער „אויפקלערונג" און געפאָדערט וועלטלעכע שולן. מיט אַ וועלכע עס איז 25 יאָר צוריק איז אין דעם קאַמף אומגעקומען דער פריידענקענדיקער קעמפער פאַר אַ פרייער דערציאונג — פראַנציסקאָ פערער.

די ריזיקע קייט פון קלויסטערס און מאָנאַסטירן איז שפּאַניע איז געווען ביז לעצטנס אַן אמת׳ע קייט אָפן האַלז פונעם פאָלק. אין 1786, דערציילט אַ מחבר פונעם 18טן יאָרהונדערט (לויט ג. מאַריאָן), איז צווישן אַ באַפעלקערונג פון 9 מיליאָן אין שפּאַניע געיוען 143 טויזנט גלחים, 65 טויזנט מאָנאַכן און 34 טויזנט מאָנאַשקעס. דער פאַרמעגן פון די קלויסטערס האָט דאַן באַטראָפן 32 און אַ האַלב ביליאָן רעאַלס, מיט אַ יערלעכן איינקונפט (איינגעשלאָסן אויך אַנדערע קירכלעכע הכנסות) פון 16 הונדערט מיליאָן, בעת 176 טויזנט בעטלער זיינען אין יענעם יאָר געווען רעגיסטרירט, וואָס האָבן ניט געהאַט וואו דעם קאָפּ אוועקצולייגן.

אַ וויכטיקער פראַנצויזישער אויטאָריטעט איבער שפּאַניע, אַנגעל מאַרוואָד, באַהויפּטעט:

„אַז שום איבערטרייבונג קען מען אָפּשאַצן, אַז די קירכן פאַרמאָגן אין שפּאַניע אַ דריטל פונעם גאַנצן לאַנד־פאַרמעגן. די נאָרדלעכע אייזנבאַנען, די טראַנסאַטלאַנטיק קאָמפּאַניע, די אָראַנדזש־סעדער פון דער גאַנצער פּראָווינץ אַנדאַלוזיע, די מאַינס פון דער באַסק פּראָווינץ און פון דער ריף־געגנט, פאַבריקן אין באַרצעלאָנאַ געהערן צו דער קירכע אָפן, אָדער אונטער באַהאַלטענע נעמען.״

ג. מאַריאָן ווייזט אָן, אַז די קירכע פאַרמאָגט אויך די מאַדרידער גרויסע באַנק — באַנקאָ אורקוויכאָ— מיט אַ קאַפּיטאַל פון 126 מיליאָן פּעזעטאַס, 4 פּראָווינציעלע באַנקען מיט אַ קאַפּיטאַל פון 85 מיליאָן, ווי אויך די מאַדרידער טראַמווייען.

די שפּאַנישע קאַטוילישע קירכע איז איינע פון די גרעסטע לאַנד־באַזיצער און זי האָט צוזאַמען מיט די לאַנד־האַרן געקעמפט קעגן באַוואַסערונג און נייע לאַנדווירטשאַפטלעכע מעטאָדן, כדי אָנצוהאַלטן די הויכע פּרייזן אַף די אַגריקולטורעלע פּראָדוקטן.

און טאָקע צוליב דעם, וואָס דער גרעסטער טייל פונעם פּויערנטום קען זיך קוים דערנערן, איז זיין קויף־קראַפט געגליכן צו נול ווען עס קומט צו זיין אַ געברויכער פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. די אינדוסטריע איז דעריבער איינגעשרומפּן. עס איז נישטאָ קיין מאַסן־פּראָדוקציע. אַלס רעזולטאַט זיינען די פּרייזן אַף די פּראָדוקטן שוין אַזוי אויך הויך. די הויכע פּרייזן ווערן נאָך דערצו אָנגעהאַלטן און באַשיצט מיט הויכע טאַריפן אַף די אויסלענדישע אימפּאָרטירטע אינדוסטריעלע פּראָדוקטן. פון דעם ווערט דער קויף־מאַרק נאָך מערער איינגעשרומפּן, די פּראָדוקציע נאָך מער פאַרקלענערט און אין אַזאַ פאַר׳כישוף׳טן קרייז האַלט זיך די אינדוסטריע אין די לעצטע צענדליקער יאָרן.

די רעוואָלוציע אין אַפּריל 1931 קעגן דער מאָנאַרכיע און דיקטאַטור פון פּרימאָ דע־ריווערא איז הויפּטזאַכלעך געווען אַ רעוואָלוציע קעגן די פּענטעס פון דעם איבערגעבליבענעם פעאָדאַליזם און קעגן דעם רויבערישן כאַראַקטער פון דעם קאַפּיטאַליזם אין

שפּאַניע. די רעפּובליק האָט עס געדאַרפט דורכפירן די אַגראַר־רעפאָרם, איינטיילן די פּויערים מיט ערד, באַשאַפן באַ זיי אַ העכערע קויף־קראַפט, כדי די אינדוסטריע זאָל זיך קענען אויסשפּרייטן און די פּענטעס אַף די פּראָדוציר־כוחות זאָלן באַזייטיקט ווערן. דאָס פאָלק האָט געזאָלט באַקומען אַלע בירגערלעכע פרייהייטן, די קירכע האָט געדאַרפט אָפּטרעטן דעם פּלאַץ פון דערציען די פאָלקס־מאַסן פאַר דער וועלטלעכער בילדונג. שפּאַניע האָט געדאַרפט אָפּראַמען אַלע שטרויכלונגען, וועגן וועלכע מאַרקס און ענגעלס האָבן אָנגעוויזן מיט צענדליקער יאָרן צוריק.

די ניט־דערפילטע האָפענונגען פון דער אַפּריל־רעוואָלוציע

פון אויבנאויף האָט עס אויסגעקוקט, ווי די נייע רעפּובליקאַנער רעגירונג נעמט זיך דורכפירן די לאָזונגען פון דער רעוואָלוציע. דער קאָרטעס (פּאַרלאַמענט) האָט אָנגענומען אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן לאַנד־צעטיילונג. די אַרבעטער האָבן גענומען סטרייקן אין פיל גרעסערע מאַסן ווי פריער. אין מיניסטעריום זיינען אַריין אַ רייע סאָציאַליסטישע פירער, ווי לאַרגאָ קאַבאַלעראָ, פּריעטאָ, לאָס ריאָס און בעסטעיראָס. דער לעצטער איז אַפילו געוואָרן דער פּאָרזיצער אין פּאַרלאַמענט. אָבער פאַקטיש האָט זיך די רעוואָלוציע קנאַפּ וואָס געפילט. ביסלעכווייז האָבן זיך גענומען אומקערן צוריק די אַנטלאָפענע מאָנאַרכיסטישע רעאַקציאָנערן און מ׳האָט זיי ניט געטשעפּעט. דער גאַנצער אַדמיניסטראַטיווער אַפּאַראַט איז געבליבן אין די זעלבע הענט פון די פאַרביסענע שונאים פון די אַרבעטנדיקע מאַסן ווי פאַר דער רעוואָלוציע. גיל ראָבלעס, דער פאַשיסטישער קאַטוילישער פירער, האָט גענומען מאָביליזירן די שוואַרצע כוחות פון דער קירכע און פון די פעאָדאַלע לאַנד־איינגנטימער אין זיין אָרגאַניזאַציע, „אַקציאָן פּאָפּולער”.

אין באַצוג צו דער לאַנד־רעפאָרם האָט מען אָנגעהויבן צו מאַנעווירן מיט פאַרשיידענע דעמאַגאָגישע שטיקלעך, ווי דורכפירן אַ סטאַטיסטיק וויפיל ערדלאָזע

פויערים עס זיינען פאראן, איינשטעלן אויספארשונג־
און מעסט־קאמיטעטן וועגן דעם שטח פון לאנד, וואס
וועט מעגלעך זיין אפצונעמען. דאס אלץ זיינען בלויז
געווען אויסריידן כדי אפצוציען דעם פאנאנדערטייל
פון לאנד און דערווייל ארגאניזירן די פאשיסטישע
כוחות פון דער קאנטר־רעוואלוציע.

דערווייל האט מען זיך פון די בורזשואזע רייען
אויך גענומען אריבערפעקלען אין דעם פאשיסטישן
לאגער. די מאסן־סטרייקן האבן זיי אנגעשראקן. די
רעגירונג איז גלייך געקומען צו זייער הילף. מ'האט
גענומען ארעסטירן סטרייקער, אפברעכן דעמאנסטרא־
ציעס, מוטשען רעוואלוציאנערע ארבעטער.

די סאציאליסטישע מיניסטארן, אזוי גוט ווי די
גאנצע סאציאליסטישע פארטיי, זיינען געווען טויב און
בלינד צו דעם, וואס איז פארגעקומען ארום זיי. זיי
האבן מורא געהאט נאכצוגעבן די ארבעטער־פאדערונ־
גען אויס מורא טאמער וועלן זיי פארלירן דעם חן אין
די אויגן פון די בירגערלעכע עלעמענטן. מאסן אר־
בעטער זיינען געווארן אנטוישטע. די קאמוניסטישע
פארטיי איז נאך געווען יונג און זייער שוואך. אירע
מיליטאנטע מיטגלידער זיינען ביסלעכווייז ארעסטירט
געווארן. די אנארכא־סינדיקאליסטן, וועגן וועלכע מיר
וועלן באלד ריידן אויספירלעכער, האבן געקראגן א נייע
קארט אין האנט אנצואווייזן, אז די ארבעטער האבן
נארניט צו דערווארטן פון דעם פאליטישן קאמף. דאס
האט געדינט די רעאקציאנערן אין זייער צונרייטונג צו
די נייע וואלן פון 1933.

פון די וואלן זיינען די רעאקציאנערע כוחות ארויס
די זיגער. זיי האבן באקומען א מערהייט אין פארלא־
מענט. הויפטזאכלעך האט די קאטוילישע קירכע גע־
ארבעט מעשים צווישן די פרויען, וואס האבן געשטימט
צום ערשטן מאל. די לינקע רעגירונג איז ארויסגע־
שטופט געווארן. גיל ראבלעס האט זיך געשטעלט אין
דער שפיץ פון דער רעגירונג. מאסן־ארעסטן און
אמת'ע אינקוויזיציעס האבן גענומען פייניקן די מילי־
טאנטע ארבעטער. די קליינע קאמוניסטישע פארטיי
האט זיך געהארטעוועט און געשטאלט. אירע פירנדיקע

גייסטער האָבן געהאַט די ריכטיקע ליניע. די אַרבעטער־מיטגלידער האָבן זיך אין די רעפּרעסיעס ניט פאַרלאָרן. פיל פון זיי האָבן אַריבערגעטראָגן די שרעקלעכסטע פּייניקונגען און האָבן ניט פאַרראַטן. גענוג צו דערמאָנען דעם פישער־אַרבעטער רעבעלאָ, וואָס האָט זיך אַליין אויסגעשניטן די צונג, כדי מ׳זאָל דורך מאַטער־מיטלען פון אים ניט אַרויספּרעסן קיין איבעריק וואָרט. אייניקע האָבן שוין אָבער באַטראַכט די רעוואָלוציע אינגאַנצן אַ פאַרשפּילטע, ווי די פריערדיקע צענדליקער רעוואָלוציעס, וואָס שפּאַניע האָט שוין דורכגעמאַכט.

אָבער עפּעס איז פאָרגעקומען אינעם יאָר 1933, וואָס האָט לייכטער געמאַכט דעם געמיט און צוגעזאָגט אַן ענדערונג אין דער לאַגע. די לינקערע סאָציאַליסטן מיט קאַבאַלערא בראש האָבן דערכאַפּט די שטימונגען פון די מאַסן און האָבן גענומען מאַכן טריט, — אמת, אין אָנהויב גאַנץ שוואַכע — צו אַ רעוואָלוציאָנערער אָריענטאַציע. עס איז געגרינדעט געוואָרן די „אַליאַנס אָברערא" (אַרבעטער־בונד), אַ מין פאַראייניקטער פראָנט, אין וועלכן עס זיינען אויך אַריינגעטראָטן די קאָמוניסטן, מיט דעם געדאַנק צו שאַפן מיט דער צייט אַן אמת׳ן ברייטן פראָנט, וואָס זאָל אין זיך אַרייננעמען ניט בלויז די אַרבעטער־עלעמענטן אַליין, נאָר אויך אַלע פּויערים, האָרעפּאַשניקעס, קליינבירגערטום און אינטעליגענץ; כדי אָפּצוהאַלטן פון די פאַשיסטן זייער מאַסן־באַזע.

שווער איז געווען אין אָנהויב פאַר די קאָמוניסטן צו אַרבעטן אין דער דערמאָנטער „אַליאַנס". די סאָציאַליסטן האָבן נאָך דעמאָלט ניט פאַרשטאַנען דעם גאַנצן באַטייט פון דעם פאַראייניקטן פראָנט. זיי האָבן נאָך אַלץ סאַבאָטאַזשירט אַ רייע מאַסן־אַקציעס. זיי האָבן זיך בשום אופן ניט געוואָלט צוזאַמענקומען מיט די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן. אַלץ וואָס זיי האָבן געזאָגט „טאָג" האָבן יענע געזאָגט „נאַכט". און פאַרקערט — דאָס זעלבע. אייניקע רעוואָלוציאָנערע אַרויסטרעטונגען וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן געמאַכט, זיינען סאַבאָטירט געוואָרן פון דער אַליאַנס.

די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן און זייער ראָלע אין שפּאַניע

צוליב די אויבן־אָנגעוויזענע אורזאַכן פאַר דער אָפּגעשטאַנענקייט און אומנאָרמאַלקייט פון דער שפּאַנישער עקאָנאָמיק האָט זיך אויך די אַרבעטער באַוועגונג אין שפּאַניע, נאָך אין מיטן פון פאָריקן יאָרהונדערט, אַנטוויקלט אַף אַן אומנאָרמאַלן און אָפּגעשטאַנענעם אופן. דער אַנאַרכיזם מיט זיין מעכאַנישער אַפּלייקענונג פונעם שטאַט, מיט זיין ביטול צום פּאָליטישן קאַמף און צו וועלכער עס איז אויטאָריטעט, מיט זיינע בונטאַרישע פאַנטאַזיעס און קינדערשע בונטשפּילערייען, איז גראָד געווען ווי אָנגעמאָסטן פאַר דעם גייסטיק־צוריקגעשטאַנענעם, אָבער אימפּולסיוון, נאַאיוון שפּאַנישן אַרבעטער פון יענער צייט, וואָס האָט אינסטינקטיוו געהאַסט די רעגירונג, דעם גאַנצן שטאַטאַפּאַראַט, וואָס האָט אים גאָרניט געגעבן — ניט קיין שולן, ניט קיין שפּיטאָלן, ניט קיין שום סאָציאַלע פאַרזיכערונג, און האָט געזען אין פּאָליטיק נאָר אַ שפּיל פון פּאָליטישנס, ניט קיין גראַנגל פון קלאַסן.

דעם שפּאַנישן אַרבעטער פונעם מיטן 19טן יאָרהונדערט האָט זייער אימפּאָנירט דער אַנאַרכיסטישער אומוויסנשאַפטלעכער און „קלאָרער" צוגאַנג צו דער פראַגע פון שטאַט — אָנפאַלן אַף זיינע וועכטער און מיט איין מאָך פון דער האַנט אַריינפירן דעם אַרבעטער אין דעם גן־עדן פון דער „פרייער אַנאַרכיסטישער קאָמונע". ספּעציעל איז זיי געפעלן דער אַנאַרכיסטישער אומקאָמפּראָמיסלעכער קאַמף קעגן דער פאַרהאַסטער קירכע, וואָס האָט געזויגן זייער קליאַק און כסדר געהאַלטן אין איין אָנשרעקן מיט אירע פעך־שוואַרצע גיהנום׳ס אַף יענער וועלט.

די אַנאַרכיסטישע באַוועגונג האָט זיך פאַראַנקערט אין שפּאַניע נאָך איידער די מאַרקסיסטישע אידייען זיינען בכלל דאָרט באַקאַנט געוואָרן. מאַרקס האָט געהאַט „צו זינגען און צו זאָגן" פון די שפּאַניש־אַנאַרכיסטישע פאַרטרעטער אין דעם ערשטן אינטערנאַציאָנאַל און פון זייער פירער, מיכאַאיל באַקונין.

הויפּטזאַכלעך זיינען די אַנאַרכיסטן געווען די, וואָס האָבן פאַרפלאַנצט די יוניאָן־באַוועגונג אין שפּאַניע אַף דער באַזע פון סינדיקאַטן, וואו דירעקטע אַקציע און אָפטע גענעראַל־סטרייקן און „פּוטשן" זיינען געווען טאָג־טעגלעכע דערשיינונגען. זייער הויפּט־קראַפט איז געלעגן אין די פּראָווינצן פון קאַטאַלאָניע, אַראַגאָן און אַנדאַלוזיע, הויפּטזאַכלעך אין באַרצעלאָנאַ, די גרעסטע אינדוסטריעלע און באַפעלקערטסטע שטאָט אינעם לאַנד.

עס איז געווען אַ צייט, ווען די אַנאַרכיסטן האָבן געהאַט אַן איינפלוס אַף איבער אַ מיליאָן אַרבעטער און יעדע אַנדערע אַרבעטער־ריכטונג האָט ניט געקענט האָבן קיין שום אָנהאַלט אין שפּאַניע. ביסלעכוויז האָט אָבער די פריערדיקע קליינע סאָציאַליסטישע פּאַרטיי גענומען קריגן אַלץ אַ גרעסערן איינפלוס און מיט איר באַטייליקן זיך אין דעם פּאָליטישן קאַמף צוגעצויגן צו זיך אַ היפּשע שיכט פון דער אַרבעטער־אַריסטאָקראַטיע, אינטעליגענץ און פון די מיטל־קלאַסן.

די אַנאַרכיסטן האָבן אַזוי לייכט ניט געקענט אַראָפּשלינגען דעם געדאַנק, אַז נאָך אימיצער זאָל זיך פאַרמעסטן אין שפּאַניע צו האָבן אַ חזקה אַף די אַרבעטער. עס פלעגן פאָרקומען בלוטיקע געשלעגן צווישן אַנאַרכיסטן און סאָציאַליסטן, און אפילו מאָרדן זיינען ניט געווען קיין זעלטענע דערשיינונגען אין דעם בלינדן ברודער־קאַמף, וואָס האָט אָנגעהאַלטן יאָרן און יאָרן.

ווען די קאָמוניסטישע פּאַרטיי האָט אָנגעהויבן איר טעטיקייט אין שפּאַניע, האָט זי הויפּטזאַכלעך באַקומען איר יניקה פון אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע עלעמענטן, וואָס האָבן זיך גענומען אַנטוישן אין די קליינבירגערלעכע חלומות פון די אַנאַרכיסטן. די הויפּט־פירער פון דער ק אָ מ ו נ י ס ט י ש ע ר פּ אַ ר ט י י אין שפּאַניע, אַזוי גוט ווי דער פּאַרטיי־סעקרעטאַר, ח' כ אָ ז ע ד י אַ ז, זיינען פריער געווען אַנאַרכיסטן. נאַטירלעך האָט דער פאַקט אַליין שוין אויך געשאַפן פיינטלעכע רייבונגען. שווער איז געווען פאַר די אַנאַרכיסטן צונויפצוקומען זיך צוזאַמען מיט קאָמוניסטן, וואָסריידן וועגן אַ שטאַרקער רעוואָלוציאָנערער

דיסציפּלין, וועגן אַן ענגער פאַרבינדונג פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וועגן אַ רייע פאַזן פון קאַמף — אַלץ זאַכן, וואָס גרילצן אין דעם אויער פון דעם „פרייען", לויזן, און אומגעדולדיקן אַנאַרכיסטישן טיפּ.

מ'דאַרף אויך האָבן אין זינען די ראָלע פון דעם נאַציאָנאַלן קאַמף אין שפּאַניע און די באַזונדערקייטן און מחיצות צווישן די פאַרשיידענע פּראָווינצן. דער קאַטאַלאָניער פילט זיך ניט בשום־אופן ווי אַ טייל פון דעם לאַנד און דער אַנאַרכיסטישער געדאַנק פון „פרייע" קאָמונעס קלינגט אים זייער אַנגענעם, פּונקט ווי עס קלינגט פאַר דעם אַראַגאָניער, פאַר דעם „גאַליציאַנער" און פאַר דעם באַסק פון דער ביסקעי־פּראָווינץ. ער זעט אין דעם עפּעס אַ געלעגנהייט ווי אַזוי צו באַפרייען זיך פון זיין נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג מיט איין קלאַפּ.

אַפילו איצט, ווען די סאָציאַליסטן און די קאָמוניסטן האָבן שוין דעם הויפּט־איינפלוס אַף דער אַרבעטער־גאַס, קען מען נאָך אַלץ ניט מינימיזירן די ראָלע פון די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן. זיי האָבן נאָך אַלץ אין די סינדיקאַטן וואָסערע פינף־זעקס הונדערט טויזנט מיטגלידער אין פאַרגלייך מיט די 2 מיליאָן פון די איצט פאַראייניקטע סאָציאַליסטיש־קאָמוניסטישע יוניאָנס. צום אומגליק כאַפּן זיך אָפּט אַריין, צוליב זייער „פרייהייט" און לויזקייט, זייער פאַרדעכטיקע מענטשן אין זייערע רייען. דערציילט פּאָל ניזאַן אין דעם „אימפּרעקאָר" נום. 33, אַז באַ די „סי־ען־טי"־(אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטישע) יוניאָנס איז איצט אַ גאַנצער מאַכער אַ סוביעקט, וואָס האָט באַקומען פון דעם רעאַקציאָנערן מיניסטער לערו 200 טויזנט פּעזעטאַס, פאַרשטייט זיך, ניט פאַר זיינע שאַרפע שוואַרצע אויגן. ער איז ניט דער איינציקער. עס זיינען באַוואוסט אַ גאַנצע רייע, וואָס זיינען גאַנצע שמעלקעס מיט פאַשיסטישע פירער. די צרות, וואָס אַזעלכע אַגענטן פון דער רעאַקציע מאַכן אָן, איז קוים מעגלעך אויסצורעכענען.

אין דער סאַמע לעצטער סטרייק־באַוועגונג, וואָס איז פאָרגעקומען פאַר דעם איצטיקן פאַשיסטיש־מילי־

טערישן אויפשטאַנד, האָבן די סינדיקאַליסטן אַריינגעטראָגן אַ היפּש ביסל צעמישעניש און פאַרשווערט די הענט פון דער לינק־רעפּובליקאַנישער רעגירונג דורך פאַרשיידענע טעראָריסטישע אַקטן און דורך אוממעגלעכע איבערגעטריבענע פאָדערונגען, אַזאַ ווי אַ 36־שעה׳איקע אַרבעט־וואָך (ווען אין אַנדערע ערטער אין שפּאַניע עקזיסטירט נאָך אַ 60־ און 70־שעה׳איקע אַרבעט־וואָך), אוממעגלעך־הויכע לוין־פאָדערונגען, א. אַז. וו.

און געדענקען דאַרף מען, אַז ווי די לאַגע איז געווען ערב דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד אין דעם זינען, איז נאָך אין 1933 געווען די לאַגע פיל ערגער, די באַציאונגען צווישן אַנגעשטרענגטער. זייערע אָפטע גענעראַל־סטרייקן און „פּוטשן” האָבן צעטומלט די אַרבעטער, בפרט נאָך, ווען פון דעם „אַליאַנס”־צד האָט מען אַלץ געטאָן צו־להכעיס, ניט קוקנדיק אַף דעם פּראָטעסט פון די קאָמוניסטן. ווי אַזוי האָט אונטער אַזעלכע אומשטענדן געקענט זיין די רייד וועגן אַן אמת׳ן ברייטן פאַראייניקטן פראָנט?

דער פאַראייניקטער פראָנט ווערט באַשאַפן אַף די באַריקאַדן אין אַסטוריע

נאָך אַ רייע אַנטוויקלונגען, ווען עס איז קלאָר געוואָרן, אַז די רעאַקציאָנערע רעגירונג איז אַנטשלאָסן צו צעשמעטערן דאָס ביסל געווינסן, וואָס די אַרבעטער און פּויערים האָבן זיך דערוואָרבן דורך דער אַפּריל־רעוואָלוציע און ווען דער פאַרצויגענער עקאָנאָמישער קריזיס האָט זיך נאָך געהאַלטן אין אויסברייטערן, איז אויסגעבראָכן, אין אָקטאָבער 1934, דער באַוואָפנטער קאַמף אין אַסטוריאַס.

דער קאַמף איז געווען אַ בלוטיקער. ער האָט געקאָסט טויזנטער קרבנות פון העלדישע זין און טעכטער פונעם אַרבעטער־קלאַס און פונעם פּויערנטום: סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן. די קאָמוניסטישע פאַרטיי איז אָפּגעלאָפן מיט בלוט. אין די קאַמפן זיינען אויך אומגעקומען הונדערטער און הונדערטער מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פאַרטיי. אָבער

כאָטש די רעאַקציע האָט טריאומפירט מיט איר זיג איבער די רעוואָלוציאָנערן און האָט הונדערטער און טויזנטער דערמאָרדעט, אָדער פאַרשפּאַרט אין די תפיסות, איז אָבער דאָך דער ארויסטריט ניט געווען קיין פאַרלאָרענער. ער האָט פון איין זייט אָנגעוואָרפן אַ שרעק אַפן הערשנדיקן קלאַס, פאַראורזאַכט אַ צעטומלעניש און צעטיילונג אין זיינע רייען — טיילווייז אויך צוליב'ן פאַרצויגענעם קריזיס און צוליב דער פאַרשאַרפונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע—און פון דער צווייטער זייט האָט ער דורכן קאַמפס-בלוט צעמענטירט און צוזאַמענגעשלאָסן די רייען פון די אַרבעטער-מאַסן, ניט קוקנדיק אַף די פאַרשיידנהייטן אין דער אידעאָלאָגיע און פּאַרטיי-אָנגעהעריקייט.

עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַנאַנדערגיסן אַ ברייטע פאָלקס-פראָנט באַוועגונג. אַפילו די קליינבירגערלעכע עלעמענטן האָבן זיך געכאַפּט, וואוהין עס צילט די רעאַקציע. די דערנעענטערונג פון די לינקע סאָציאַליסטן מיט די קאָמוניסטן איז געוואָרן אַ טאַט-זאַך און האָט אין זיין שטראָם מיטגעריסן פאַרשיידענע צענטריסטן און אַפילו היפּשע מאַסן פון די רעכטע סאָציאַליסטן. עס האָבן זיך ענגער צוזאַמענגערוקט די יוגנט-פאַרבאַנדן. אַ רוישיקע אַקטיווויטעט צו אָרגאַניזירן די ברייטסטע מאַסן אין קאַמף קעגן דער רעאַקציע האָט זיך פאַנאַנדערגעוויגט דורכן גאַנצן יאָר 1935. גיל ראָבלעס איז געצוואונגען געוואָרן צו רעזיגנירן, און די זעקס פאַרשיידענע מיניסטעריומס, וואָס האָבן אים נאָכגעפאָלגט, זיינען איינע נאָך די אַנדערע געפאַלן, ווי קאָרטן-שטיבלעך.

אַן אויסערגעוויינלעכן איינדרוק אין שפּאַניע האָט געמאַכט דימיטראָוויס רוף פאַרן פאַראייניקטן פאָלקס-פראָנט וואָס איז געוואָרפן געוואָרן אַפן 7טע וועלט-קאָנגרעס פון קאָמינטערן. דער איינדרוק איז געווען אַזוי גרויס, אַז ווען די פאַשיסטישע כוחות אין דער לעצטער וואַל-קאַמפּאַניע האָבן אַרויסגעשטעלט דעם לאָזונג — אַ שטימע פאַרן פאָלקס-פראָנט מיינט אַ שטימע פאַר דימיטראָוו'ן, פאַר סטאַלינ'ען, פאַר מאָסקווע, — האָבן די מאַסן טאַקע אויפגעכאַפּט דעם

לאָזונג און האָבן געשטורעמט: מיר׳ן שטימען פאַר דימיטראָוו׳ן, פאַר סטאַלינ׳ען, פאַר דעם איינציקן וועג דורך וועלכן מיר קענען צעשמעטערן די רעאַקציע און פאַשיזם!

די גאַנצע קאַמפּאַניע צו די וואַלן אין 1936 איז געווען אַזאַ, וואָס שפּאַניע האָט נאָך ניט געזען אין דער גאַנצער צייט פון איר געשיכטע. אין איר שטראָם זיינען אַריינגעצויגן געוואָרן אַפילו די אַנאַרכאָ־סינדיקאַליסטן, וואָס לאַכן זיך געוויינלעך אויס פון יעטווידער מין פּאָליטישער אַקציע. אַפילו די ליבעראַלן אונטער אַזאַניאַ׳ן האָבן אָנגענומען אַ קעמפערישן טאָן און דער רעזולטאַט פון די וואַלן אין פעברואַר פון דעם יאָר איז געווען — אַ זיג פאַרן פאָלקס־פראָנט און אַ מפּלה פאַר די כוחות פון רעאַקציע.

בעת אין די וואַלן פון 1933 האָבן אַלע לינקע און רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען צוזאַמענגענומען, געוואונען בלויז 121 פּלעצער אין פּאַרלאַמענט און די רעכטע פּאַרטייען — 352 פּלעצער, האָבן די לינקע און רעפּובליקאַנישע פּאַרטייען אין די פעברואַר־וואַלן פון 1936 געוואונען 268 פּלעצער און אַלע רעאַקציאָנערן צוזאַמען בלויז 205 פּלעצער. דאָס איז געווען דער כוח פונעם צוזאַמענגעשמידטן פאָלקס־פראָנט.

און ניט בלויז אין דער גרויסער צאָל פון לינקע און רעפּובליקאַנער דעפּוטאַטן איז באַשטאַנען דער זיג. ער איז אויך באַשטאַנען אין דעם, וואָס אַלע פאַשיסטישע מאַכינאַציעס אַריינצוּוואַרפן קלינעס אין דעם פאַראייניקטן פראָנט איז ניט געלונגען. פאַרקערט: עס איז נאָך אַפילו באַשאַפן געוואָרן אַ שטאַרקער בריק צווישן די נאַציאָנאַלע באַוועגונגען און דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג — אַ בריק, וואָס פאַרזיכערט דעם איצטיקן פאַרצווייפלטן קאַמף אַן ענדגילטיקן זיג איבער דעם מיליטערישן פאַשיזם.

דער זיג אין די וואַלן איז געווען אַזוי גרויס, אַז די אַזאַניאַ־רעגירונג, וואָס איז אַנטשטאַנען, האָט ניט געקענט נאָכיאָגן דעם אימפּעט פון די מאַסן. זי איז כסדר געשטויסן געוואָרן לינקס־צו. די אַמנעסטיע, דורך וועלכער 30 טויזנט רעוואָלוציאָנערע קעמפער

זיינען באַפרייט געוואָרן, איז צוגעאײַלט געוואָרן פון די מאַסן גופא. זיי האָבן געעפנט די טויערן פון די קאַזע־מאַטן און געטראָגן די באַפרייטע העלדן אַף זייערע אַקסלען אין אימפּאָזאַנטע יובל־צוגן, אין דער צייט ווען אין די רייען פון די הערשנדיקע קלאַסן האָט זיך אָנ־געהויבן אַ געלויף פון שפּאַניע קיין גיבראַלטאַר און דרום־פראַנקרייך.

די רעזולטאַטן פון דעם זיג איבער דער רעאַקציע האָבן זיך גלייך גענומען ווייזן אין צאָלרייכע אופנים. קאַטאַלאָניע האָט צוריק באַקומען איר צוגערויבטע אויטאָנאָמיע. אַלע פרייהייטן זיינען גלייך צוריק איינ־געשטעלט געוואָרן. די פּויערים האָבן זיך גענומען פאַרכאַפּן פּריציש און קלויסטער־לאַנד און די רעגירונג איז געצוואונגען געווען צו לעגאַליזירן עס. די אָפּגע־זאָגטע אַרבעטער אין דער צייט פון אָקטאָבער־אויפ־שטאַנד זיינען צוריק אָנגעשטעלט און פאַרגיטיקט גע־וואָרן. סטרייק־באַוועגונגען אין כמעט יעדער איינ־דוסטריע האָבן אויפגערודערט דאָס לאַנד אין אַלע עקן, אָרגאַניזירט נייע הונדערטער טויזנטער אַרבעטער. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אַליין איז אויסגעוואַקסן איי פאַרלויף פון עטלעכע מאָנאַטן פון 20 טויזנט אַף 100 טויזנט. די יוגנט־פאַרבאַנדן, סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע, האָבן זיך צוזאַמענגעגאָסן אין איין אָר־גאַניזאַציע אונטער דער אָנפירערשאַפט פון דעם קאָמ־יוגנטלעכן אינטערנאַציאָנאַל. וואָס זיי האָבן געוואונען פון דער פאַראייניקונג קען מען זען פון דעם פאַקט, וואָס ביז דער פאַראייניקונג האָבן ביידע אָרגאַניזאַ־ציעס צוזאַמען געהאַט אַרום 65 טויזנט מיטגלידער; אין פאַרלויף פון אייניקע מאָנאַטן פון פאַראייניקונג איז די צאָל געשטיגן ביז 140 טויזנט — מער ווי פאַר־צווייפאַכט. די פאַראייניקטע געווערקשאַפטן, צו וועל־כע די סינדיקאַליסטן זיינען נאָך דערווייל אַלץ ניט צוגעשטאַנען, האָט אַריבערגעשטיגן די צאָל פון 2 מיליאָן. מ'איז צוגעטראָטן מיט ברען אָרגאַניזירן די „אַרבעטער און פּויערים בונדן” — אַ בונד, וואָס איז אומבאַדינגט לעבנסוויכטיק כדי צו באַזיגן די שונאים פון די פאָלקס־מאַסן. ערטערווייז האָט זיך אויך גע־

נומען אָרגאַניזירן אַ קאָלעקטיוויזאַציע־באַוועגונג צווישן די פּויערים.

אָט ווי עס באַשרייבט פּאָל ניזאָן זיין רייזע איבער די דערפער אין דער שפּאַנישער פּראָווינץ טאָלעדאָ:

„אין מאַדריד האָט מען מיר געזאָגט:

— פאָרט צו אין די קאָלווירטן פון דער פּראָווינץ טאָלעדאָ.

די טאָלן פון קאַסטיליע שעמערירן אין מאַי מיט בלומען מערער ווי מיטל־אַזיע אין האַרבסט. מען קען פאָרן שעה'ען־לאַנג און ניט באַגעגענען קיין איין דאָרף. אַף די פעלדער הויבן אויף די פּויערים אַ צונויפגעדריקטע פויסט אַלס צייכן פון באַגריסונג.

נאָך טאָלעדאָ, נאָך דער שטאָט לילאָ געפינט זיך דאָס דאָרף ווילאַ דע דאָן פאַדריקע. דאָס איז אַ גרויס דאָרף מיט 8 טויזנט איינוואוינער און 6 טויזנט העקטאַר ערד. אין שפּיץ שטייט דאָ אַ קאָמוניסטישער בורגמייסטער. דאָס איז איינער פון די דערפער, וואָס האָט זיך פריער אינגאַנצן געפונען אין רשות פון די גרויסע פּריצים.

די פּויערים האָבן דאָ אַלע פּראָדוציר־מכשירים, די ווירטשאַפטלעכע געביידעס און דאָס אַרבעט־פי דערקלערט אַלס קאָלעקטיוו־אייגנטום.

אַף איינער פון די ווירטשאַפטלעכע געביידעס, וועלכע האָט פריער געהערט צום פּריץ, פלאַטערט אַ רויטע פאָן מיט אַ סערפּ און האַמער. דעם קאָלווירט האָט מען אַ נאָמען געגעבן „קאָלווירט אין נאָמען פון וואָראָשילאָוו".

דער סעקרעטאַר פון דער יוניאָן פון פעלד־אַרבעטער דערקלערט: „אונזערע פעלדער ציען זיך ווייט נאָכן האָריזאָנט. אינגיכן וועט צייטיק ווערן דער ערשטער „קאָלווירטישער ווייץ", אַלע מיטגלידער פון קאָלעקטיוו זיינען אַף די פעלדער. זיי זאָגן שוין: אונזערע פעלדער, אונזער ערד..."

אין אָוונט האָט מאַרשירט איבער דער דאָרפישער גאַס אַן אָטריאַד מיליציע. די פּויערים באַגריסן זיי מיט די ווערטער „סאַליוט, חברים". אַפן

פלאַץ, באַם פאָלקס־הויז, וואָס איז אויסגעבויט גע־וואָרן דורך די פויערים, קומען פאַר פאַרזאַמלונגען. רעדנער טרעטן אַרויס אַפן באַלקאָן פון פאָלקס־הויז. אין דאָרף זיינען איצט פאַראַן העכער 100 מיטגלידער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, 1,400 מיטגלידער פון פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, 300 מיט־גלידער פון דער פאַראייניקטער (קאָמוניסטישער און סאָציאַליסטישער) אָרגאַניזאַציע פון דער יוגנט, 200 פּיאָנערן.

און דאָס איז אין אַ דאָרף, וואָס האָט נאָך ביז 1928 גאָרניט געוואוסט וועגן ערשטן מאַי. דער קלויסטער איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ קלוב. אינעם אַלטאַר איז אָרגאַניזירט אַ ביבליאָטעק."

און דאָס אַלץ איז דערגרייכט געוואָרן בלויז אין פאַרלויף פון איינציקע מאָנאַטן, ניט געקוקט אַף די צענדליקער שטערונגען.

אָבער די רעאַקציע האָט ניט געדרעמלט. זי האָט זיך ניט באַנוגנט בלויז מיט קריצן די ציין.

די פאַשיסטיש־מיליטערישע בלוטיקע פאַרשווערונג

עס איז נישטאָ דער פאַרברעכן, וואָס דער פאַשיס־טישער לאַגער זאָל ניט האָבן פאַרזוכט צו באַגיין, כדי צו דיסקרעדיטירן די לינק־רעפּובליקאַנישע רעגירונג און אָנמאַכן אין לאַנד אַ מהומה. בייזוויליקע ליגנס און רכילות, מאָרד, פּראָוואָקאַציע, אונטערצינדונגען פון קלויסטערס, פאַרהאַנדלונגען מיט פרעמדע רעגירונגען, מלוכה־פאַרראַט. עס וואָלט זיך געפאָדערט אַ באַזונדער בוך, כדי אויסצורעכענען בלויז אַ טייל פון די שוידער־לעכע פאַרברעכנס, וואָס זיי זיינען באַגאַנגען ביז זיי האָבן אָפן דערקלערט די פאַשיסטישע מלחמה קעגן דעם שפּאַנישן פאָלק.

זייערע באַליבטסטע פּראָוואָקאַציעס פלעגן זיין צו שיסן אין אַרבעטער־פאַרזאַמלונגען און אין דעמאָנ־סטראַציעס מיט צעשטעלטע אַגענטן אין די רייען, וואָס האָבן „דערקענט" דעם שיסער, אַז ער איז אַן אַנאַר־כיסט (בעת ס'איז פאַרגעקומען אַ סאָציאַליסטישער

אָדער קאָמוניסטישער מיטינג), און פאַרקערט, אַף אַנאַרכיסטישע מיטינגען פלעגט מען „דערקענען", אַז דער שיסער איז געווען אַ סאָציאַליסט, צי אַ קאָמוניסט.
זייערע באַוואָפנטע אָנפאַלן אַף אַרבעטער־דעמאָנסטראַציעס האָבן געהאַט ניט בלויז דעם צוועק צו טויטן און צו פאַרוואונדן אייניקע אַרבעטער, נאָר אויך דורכדעם אויפהעצן איין אָרגאַניזאַציע אַף דער צווייטער און מיט דעם צעברעכן דעם פאַראייניקטן פראָנט. אין פיל פאַלן האָבן זיי אַליין אונטערגעצונדן קירכעס, אָדער אונטערגעהעצט דערצו אַרבעטער, און דערנאָך אַרויסגעקומען מיטן געשריי, אין קאָרטעס און פאַר דער וועלט, אַז אין לאַנד הערשט אונטער דער לינקרעפובליקאַנער רעגירונג אַן אַנאַרכיע, און אַז באַלד, באַלד וועט איינגעפירט ווערן די דיקטאַטור פונעם פראָלעטאַריאַט. באַלד באַלד וועט מען אויסקוילענען אַלע די, וואָס זיינען ניט קיין פראָלעטאַריער. זיי האָבן עס פאַרשפּרייט אומעטום די „נייעס", אַז דאָ און דאָרט האָבן די רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער אויפגעשניטן בייכער פון גלחים, פאַרגוואַלדיקט 60־יעריקע נאָנעס, פאַרברענט בישאָפן, געלעסטערט „הייליקטימער", א. אז. וו.
דאָס אַלץ איז אָבער בלויז געווען אַ מין אויסלייגפייער—אַ צוגרייטונג, כדי צו קענען מאַכן די מלוכהאיבערקערעניש מיט דער הילף פונעם מיליטער, וואָס האָט לויט זייער אויסגעאַרבעטן פּלאַן געדאַרפט מאַכן איינס־צוויי מיט דער רעגירונג, אַרעסטירן דערנאָך אַלע אָנגעזעענע פירער פון די אַרבעטער און פון פּאַרלאַמענט און צעשיסן זיי און עטאַבלירן די פאַשיסטישע דיקטאַטור.
זאָל דאָ געזאָגט ווערן, אַז די רעפובליקאַנער רעגירונג איז אין די ערשטע מאָנאַטן געווען צו וואַקלדיק, צו אומענטשלאָסן אין איר האַנדלונג מיט דעם פאַשיסטישן געזינדל און מיט דעם גאַנצן אַדמיניסטראַטיוון און מיליטערישן אָנפיר־אַפּאַראַט. ניט איין מאָל האָבן די קאָמוניסטן, סאָציאַליסטן און אַנאַרכיסטן געפאָדערט פון דער רעגירונג, אַז זי זאָל מאַכן אַ גרינטלעכן בעזים־אויסקער אין דער בירגערלעכער גוואַרדיע,

אינעם מיליטער און אין דעם גאנצן מלוכה־אפאראט. עס האט געדויערט קארגע 4 מאנאטן איידער די רע־גירונג האט זיך א נעם געטאן צו פארמאכן די צענטערס פון די פאשיידענע פאשיסטישע און מאנארכיסטישע ארגאניזאציעס.

דערווייל האבן זיך די פאשיסטישע ארגאניזאציעס קאנסאלידירט, צוזאמענגערעדט זיך און ארגאניזירט זייערע כוחות. יעדע איינע פון זיי איז פארוואַרצלט אין דעם מלוכה־אפאראט בכלל אין פארשיידענע פּראָ־ווינצן און אין דעם מיליטער־אפאראט בפרט. יעדע איינע פון זיי האט די נאָענטסטע פארבינדונגען מיט די באנקירן און גרויסע אונטערנעמער, וואס האבן דורך זייערע לאקאוטן און ווידערשטאנדן צו די סטרייקן גע־שאפן פאר דער רעגירונג אן אומדערטרעגלעכע לאגע. יעדע איינע פון זיי האט געהאט פארבינדונגען מיט אויסלענדישע פאשיסטישע ארגאניזאציעס אין פראנק־רייך און אין איטאליע, אין ענגלאנד און אין אירלאנד, אין דייטשלאנד און אין פוילן.

די וויכטיקסטע פאשיסטישע ארגאניזאציעס, וואס האבן א האנט אין דער פארשווערונג, זיינען די פאלגנדיקע:

1) די „סי־אי־די־אי" — א בונד פון די עקסט־רעמסטע פארטייען פון די גרויסע לאנד־באזיצער, קאפי־טאליסטן און קירכע־אנפירער.

2) דער „שפאנישער פאלאנקס" — די פאשיס־טישע גרופירונגען, אונטער דער אנפירונג פון פרימא דע־ריווערא, א זון פון דעם געוועזענעם דיקטאטאר אונטער דער מאנארכיע, וואס האבן נאכגעמאכט די איטאליענישע און דייטשע פאשיסטן, ווי אמת'ע מאל־פעס, איבערגענומען זייערע פארמאציעס, מעטאדן און בכלל דעם גאנצן ריאטואל. זיי זיינען לעצטנס אפילו ארויסגעקומען מיט דער דעמאגאגיע, אז זיי זיינען קעגן קאפיטאליזם און פארן נאציאנאל־סאציאליזם, לויט היטלער'ס מוסטער. זיי האבן פון אים אויך איבער־גענומען די דעמאגאגיע, אז זייער קאמף איז הויפט־זאכלעך קעגן די מארקסיסטן און אידן.

3) „פאפולאר אקציאן" — א קאטויליש־פאשיס־

טישע אָרגאַניזאַציע, אָנגעפירט פון גיל ראָבלעס און אונטערשטיצט פון די רייכע יעזואיטן־אָרדנס און פון דעם מולטי־מיליאָנער כואַן מאַרש.

4) דער אָפּיצערן־בונד — אַ מאָנאַרכיסטיש־פאַשיסטישע מיליטערישע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד דער אַזאַניאַ־רעגירונג, ווען זי האָט זיך שוין אַנטשלאָסן צו רע־אָרגאַניזירן די מיליטער־פירערשאַפט.

5) „שפּאַנישע ווידערגעבורט" — אַ פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציע, וועמעס אידעאַל ס'איז געווען די שפּאַניע פון 16טן יאָרהונדערט, מיט אירע אינקוויזיציעס, שייטער־הויפנס און יעזואיטן־טריבונאַלן.

6) די קאַרליסטן — אַ מאָנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס מיר האָבן שוין אויבן באַשריבן, און וועמעס הויפּט־צענטערן עס זיינען איצט אין פּאַמפּלאָנאַ און אין בורגאָס, און וועלכע האָבן עס געפירט די באַרבאַרישע אַטאַקעס אויף אירון, סאַן־סעבאַסטיאַן און די בלוטיקע לופט־אַטאַקע אויף בילבאַאָ.

7) איינפאַכע מאָנאַרכיסטן, וועמעס ציל איז צו רעסטאַווירן אַלפאָנזאָ'ן, דעם עקס־מאָנאַרך, אויפן טראָן.

8) דער שפּאַנישער אויסלענדישער לעגיאָן — אַ מיליטערישער איינס אונטער דער קאָמאַנדע פון גענעראַל פראַנציסקאָ פראַנקאָ, וואָס באַשטייט פון די אויסוואורפן פון אַלע לענדער בכלל און פון די דעניקין־ און קאָלטשאַק־רעשטלעך, וואָס האָבן אַרומגעבראָדזשעט עטלעכע יאָר אין טערקיי, נאָך זייער ווייסטער מפּלה — דורך דער רויטער אַרמיי.

אָט די אַלע פאַשיסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן זיך נאָך פריער פאַרבונדן מיט היטלער'ן און מוסאָליני'ן און צוזאַמען אויסגעאַרבעט דעם פּלאַן פון דער קאָנטער־רעוואָלוציע. עס איז נאָך פון פריער באַשטימט געוואָרן דורך וועלכע פּאָרטן צו ליווערן געווער, אין וועלכע געגנטן צו ברענגען לופט־פליער, מיט וועלכע קריג־שיפן מ'זאָל פאַרבלאָקאַדירן די לינקע רעגירונג דעם וועג, אַז זי זאָל פּאַראַליזירט ווערן, און די באַדינגונגען פאַר דער דאָזיקער צוגעזאָגטער הילף.

די פּריינטשאַפט פון דער שפּאַנישער מיליטערישער קליקע מיט דער דייטשער איז שוין אַ גאַנץ אַלטע. דייטשלאַנד האָט שוין לאַנג געוואָרפן אַן אויג אַף די סטראַטעגישע פּאָרטן פון שפּאַניע אין דעם מיטלענדישן ים, און אַף די קאַנאַרישע אינזלען, אַז זיי וועלן זיי קענען נוצן ווי אַ באַזע אין דער קומענדיקער וועלט־מלחמה. עס איז אַ פאַקט, אַז אין דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט זיך שוין דייטשלאַנד ברייט באַנוצט מיט די שפּאַנישע ים־ברעגן פאַר דער טעטיקייט פון איר סובמאַרין־פלאָט, ניט קוקנדיק אַף דער שפּאַנישער נייטראַליטעט.

דער הויפּט־אָנפירער פון דעם בונט האָט געזאָלט זיין גענעראַל סאַנכורכאָ. צוויי חדשים איז ער אָפּגעווען אין בערלין (איינגעשטאַנען אין דעם „קייזער־האָף" האָטעל) און פאַרפאָלקאָמט אַלע פּלענער. אָבער דער אָנהויב פון דעם שדים־פּלאַן איז נאָך אויסגעאַרבעט געוואָרן אין 1934, אַרום דעם אַסטוריאַס־אויפשטאַנד, און גראָד אין שפּאַניש־מאַראָקאָ, וואו דער קאָנטער־רעוואָלוציאָנערער אויפשטאַנד האָט זיך איצט אָנגעהויבן. שוין דעמאָלט איז אין ראָטערדאַמער פּאָרט אויפגעדעקט געוואָרן, אַז אַף דער דאַמפשיף „אָפּטימיסט", וואָס איז געקומען פון האַמבורג, געפינט זיך אַ קאָלאָסאַלער געווער־טראַנספּאָרט, וואָס איז באַשטימט פאַר שפּאַניש־מאַראָקאָ.

גראָד אויך אין 1934 האָט זיך אין טעטואַן (מאַראָקאָ) געעפנט אַ דייטשער קאָנסולאַט אונטערן שעפטום פון אַ דייטשן שטאַבס־אָפיצער. די דיפּלאָמאַטישע וועלט האָט זיך דעמאָלט געוואונדערט אַף דער אויסברענגעריי פון דער היטלער־רעגירונג. סך־הכל וואוינען אין טעטואַן גאַנצע פופצן דייטשן און דאָ שאַפט מען אַ קאָנסולאַט פון עטלעכע צענדליק באַאמטע. איצט, ווען מ'האָט זיך געכאַפּט, אַז 14 באַאמטע פון אָטדעם קאָנסולאַט האָבן אונטער אַ דיפּלאָמאַטישער מאַסקע אַקטיוו זיך באַטייליקט אין העלפן דעם אויפשטאַנד, איז דער ענין קלאָר געוואָרן...

דורך די צוויי יאָר זיינען פאַרפלאַנצט געוואָרן נאַצי־קעמערלעך צווישן די עפּעס ווייניקער ווי 16

טויזנט דייטשן, וואָס וואוינען אין שפּאַניע און אין מאַראָקאָ צוזאַמענגענומען. די גאַנצע דאָרטיקע דייטשע באַפעלקערונג איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער שפּיאָנאַזש־ און סאַבאָטיר־אַרבעט טאַקע פאַר דעם מאָמענט, ווען די קאָנטר־רעוואָלוציע וועט זיך אין איר נויטיקן.

עס איז אויך באַוואוסט, אַז גענעראַל פראַנקאָ איז די גאַנצע צייט געשטאַנען אין ענגע באַציאונגען מיט איינעם פון די אָנפירער אין דעם „ברוינעם הויז" אין מינכען, שלייער. דער פאַרשוין איז, עטלעכע וואָכן פאַר דעם איצטיקן אויפשטאַנד, איייניקע מאָל געפאָרן הין־און־צוריק און געפירט די לעצטע פאַרהאַנדלונגען צווישן פראַנקאָ און דעם דייטשן גענעראַל־שטאַב.

אַ רייע מאָטיוון פון גרויס וויכטיקייט באַוועגן דייטשלאַנד צו נעמען אַזאַ אינטערעס אין די שפּאַנישע געשעענישן און צו העלפן מיט אַלע כוחות דעם פאַשיסטישן צד. עס איז ניט בלויז די ברידער־ליבע צום פאַשיזם בכלל. נאַטירלעך דאָס שפּילט אויך אַ ראָלע, אָבער ווייט ניט די אַנטשיידנדיקע ראָלע.

היטלער האָט דאָ הויפּטזאַכלעך אין זינען זיינע איינענע צילן. ער דאַרף וואָס מער אָפּשוואַכן די פעלקער־ליג. ער קען עס דערגרייכן דורך אַרויסשלעפּן שפּאַניע פון דאָרט. ער דאַרף האָבן נאָך אַ פאַר־בינדעטן אין דעם רוקן פון פראַנקרייך. שפּאַניע איז אויסגעצייכנט פאַר דעם. ער דאַרף זיך אָנהויבן צו פילן ווי אַ מלוכה־מאַכט אין דעם מיטל־לענדישן ים. שפּאַניע, אַ פאַשיסטישע שפּאַניע, וואָלט אים פאַר דער הילף, וואָס ער גיט זי איצט, אָפּגעטראָטן אַ באַזע אין איינעם פון די אינזלען, וואָס ליגן קעגן דעם אַפרי־קאַנער ברעג. ער דאַרף האָבן אַ בייטש אַף דעם ענג־לישן גיבראַלטאַר און אַרויפצווינגען אַף ענגלאַנד ווייטערדיקע הנחות, און אפשר אַ בונד, סטראַשעט ער זי, דורך זיין בונד מיט שפּאַניע.

און בכלל איז די האָפענונג פונעם דייטשן פאַשיזם, אַז מיט דעם וואָס ער וועט אונטער זיך אונטערוואַרפן שפּאַניע וועט ער באַקומען אַ קאָנטראָל איבער דער



די דאָזיקע מאַפּע ווייזט אונז, ווי נאָענט עס ליגט דער אַפריקאַנישער ים-ברעג צו שפּאַניע. דאָרט וואו די ברעגן קומען זיך כמעט צוזאַמען, ליגט גיבראַלטאַר, ענגלאַנד'ס שליסל צווישן דעם אַטלאַנטישן אָקעאַן מיטן מיטל-לענדישן ים און איינע פון אירע מעכטיקסטע פעסטונגען. סעאוטע ליגט אַף דעם אַפריקאַנישן ים-ברעג. צוליב איר נאָענטקייט צום גיבראַלטאַר קאָן זי שפּילן אַ גרויסע ראָלע אין די הענט פון היטלער'ן אָדער מוסאָליני'ן אין דראָען ענגלאַנד'ס קאָמוניקיר-וועגן, אַזוי גוט ווי פראַנקרייכ'ס.

ווינכטיקסטער אַרטעריע פונעם ענגלישן אימפּעריאַליזם — לאָנדאָן — גיבראַלטאַר—מאַלטאַ—סועץ—אַדען—באָמבעי—האָנגקאָנג. ער ווערט אויך דורך דעם גלייכצייטיק אין קאָנטראָל איבער די הויפּט־קאָמוניקאַציע וועגן פון פראַנקרייך מיט איר אַפריקאַנער אימפּעריע — מאַרסעל—אַלזשיר און טולאָן—ביזערטאַ. אין דעם געראַנגל פאַר העגעמאָניע אין דעם מיטל־לענדישן ים שטעלן מיט זיך פאָר די באַלעאַרישע אינזלען זייער ווינכטיקע סטראַטעגישע באַזעס. מ'קען זיך מיט זיי באַנוצן ניט בלויז פאַר פלאָט און לופט אָפּעראַציעס קעגן פראַנקרייך, נאָר אויך פאַר דעם גאַנצן מערב־טייל פונעם מיטל־לענדישן ים. אויב דייטשלאַנד זאָל האָבן אין איר קאָנטראָל שפּאַניש־מאַראָקאָ, סעאוטע אָדער מעליליע, וועט זי שוין אויך האָבן אַ פולן קאָנטראָל איבערן גיבראַלטאַר, דער ווינכטיקסטער שליסל צו דער ענגלישער מאַכט איבער דער וועלט און איבער די ימים.

אַ היטלער־קאָנטראָל איבער שפּאַניע מיינט אויך אָפּצוציען אַ רייע פראַנצויזישע מיליטער־קאָרפּוסן פון קעגנאיבער דעם רהיין צו אירע דרום־גרענעצן מיט שפּאַניע און וועט שאַפן אַן ערנסטן שטער פאַר פראַנקרייך אין די קאָמוניקאַציעס מיט אירע אַפריקאַנער קאָלאָניעס. דאָס וועט שטערן פראַנקרייך צו קריגן פון אַפריקע, אין דער צייט פון מלחמה, מיליטערישע פאַרשטאַרקונגען, רוי־מאַטעריאַלן, און אין דער זעלבער צייט וועט זי קענען צו יעדער מינוט אַטאַקירט ווערן פון הינטן פון דרום, דורך שפּאַנישע אַרמייען. דאָס זיינען די חשבונות, וואָס היטלער האָט אין זיין גרייטן זיך צו מלחמה אַפן סאָוועטן־פאַרבאַנד און אַף פראַנקרייך.

מוסאָליני'ס חשבונות זיינען ענלעכע. דורך מאַכן שפּאַניע, אַ פאַשיסטישע שפּאַניע, פאַר זיינעם אַ שותף, קען ער אָנהייבן שפּילן נאָך אַ גרעסערע ראָלע אין דעם מיטל־לענדישן ים און האָבן פון איין זייט אַ בייטש אַף ענגלאַנד, סטראַשענדיק דעם גיבראַלטאַר, און פון דער צווייטער זייט אַרויסקוועטשן פראַנקרייך פון אַפריקע און צוזאַמענשלאָגן זיך אַ ריזיקע אַפריקאַנישע

אימפּעריע, וואָס זאָל קאָנטראָלירן גאַנץ צפון, מיטל און מזרח אַפריקע.

ווי מיר זעען, זיינען בײדע שדים גלייך אַריינגעשפּרונגען אינעם טאַנץ. פון איין זייט האָבן זיי געשיקט אַמוניציע, פלי־מאַשינען און מיליטערישע עקספּערטן און האָבן געלייקנט שטיין און ביין, אַז זיי טוען עס. פון דער צווייטער זייט האָבן זיי געשריען מיט באַנומענע קולות דורך זייער גאַנצער פּרעסע, אַז אין שפּאַניע קומט פאָר אַ קאַמף צווישן דער דיקטאַטור פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס דער פאָלקס־פראָנט וויל איינפירן, און צווישן „רו און אָרדענונג״, וואָס די פאַשיסטישע גענעראַלן קלייבן זיך איינפירן.

נאָך פרעכער טוט עס די פאַשיסטישע רעגירונג פון סאַלאַזאַר—קאַרמאָנאַ אין פּאָרטוגאַל. די פּאָרטוגעזישע טעריטאָריע איז איצט די הויפּט־באַזע פאַר די שפּאַנישע פאַשיסטישע כוחות. דאָרט האָבן זיי זייערע הויפּט־סקלאַדן פון אַמוניציע, די הויפּט־באַזעס פאַר זייערע קריגס־עראָפּלאַנען. אַהין שטעלט עס צו היטלער׳ס רעגירונג די נייע טראַנספּאָרטן געווער. דאָרט האָבן זיי אויך זייער הויפּט פּראָפּאַגאַנדע צענטער, פון וואַנען זיי פאַרשפּרייטן אַף דער וועלט זייערע „גרויל־געשיכטעס״ וועגן דעם פאָלקס־פראָנט.

פּאָרטוגאַל איז שוין פאַר די לעצטע עטלעכע יאָר צוגעטשעפּעט צו דעם וואָגן פון די רעאַקציאָנערע כוחות אין שפּאַניע. אין דער צייט פון דעם אַסטוריע־אויפשטאַנד, האָבן זיי איבערגעגעבן הונדערטער אַנטלאָפענע מיינער אין די הענט פון די שפּאַנישע הענקער. פאַר די לעצטע צוויי יאָר פונקציאָנירט דאָרט אַ מעכטיקע היטלער־באַזע פון דייטשע נאַציס און שפּיאָנען. דער דייטשער פלאָט האָט ניט לאַנג צוריק אָפּגעשטאַט אַ וויזיט אין ליסאַבאָן, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרן פון דער סאַלאַזאַר־רעגירונג מיט גרויס פּאָמפּ. די אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָרן פון בײדע לענדער האָבן זיך קעגנזייטיק געביטן מיט זייערע „קולטורעלע״ כוחות. דער אוניווערזיטעט פון קאָימבראַ איז געוואָרן אַ נעסט פון דער נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע.

טאַקע אין פּאָרטוגאַל האָבן עס די שפּאַנישע פאַ־

שיסטישע גענעראַלן געהאַט זייערע צוזאַמענפאָרן און פון דאָרט האָבן זיי אויסגעריכט דעם אויפשטאַנד. גענעראַל סאַנכורכאָ'ס עראָפּלאַן איז וואָכן־לאַנג געווען געפּאַרקט אין פּאָרטוגעזישע וואַסערן און געהאַלטן געוואָרן גרייט פאַר דעם מאָמענט, ווען דער אויפשטאַנד וועט זיך אָנהייבן.

ענגלאַנד, וואָס איז די ניט־אָפיציעלע באַשיצערין פון פּאָרטוגאַל, ווייס זייער גוט, אַז פּאָרטוגאַל'ס שווערן זיך, אַז זי איז „נייטראַל”, איז אַ פּרעכער ליגן. אין ענגלישע צייטונגען איז ניט איינמאָל אָנגעוויזן געוואָרן, אַז פראַנקאָ'ס פאַשיסטישע מחנות קריגן זייער הויפּט־פּראָוויאַנט פון פּאָרטוגאַל. אָבער די ענגלישע באָלדווין־רעגירונג מאַכט זיך גע'פּגר'ט. זי זעט ניט כלומרשט און הערט ניט. עס איז דאָך אַ פאַקט, אַז אָן דער פּראָטעקציע פון דער ענגלישער רעגירונג וואָלט די סאַלאַזאַר־קאַרמאָנאַ רעאַקציאָנערע רעגירונג פון פּאָרטוגאַל שוין לאַנג געפאַלן. דאָס פּאָרטוגעזישע פאָלק ווערט געהאַלטן אין צוים דורך דער הילף, וואָס ענגלאַנד גיט כסדר דער פּאָרטוגעזישער רעגירונג. דער לעצטער רעוואָלט פון די צוויי קריגס־שיפן, וואָס איז גלייך אונטערדריקט געוואָרן, און די ווייטערדיקע באַריכטן וועגן אויפשטאַנד, ווייזט, אַז אויך אין פּאָרטוגאַל פילט די פאַשיסטישע רעגירונג, ווי די ערד ברענט איר אונטער די פיס. זעט זי דעריבער צו העלפן דעם זיג פונעם פאַשיזם אין שפּאַניע מיט געווער, אוויאַציע, עקספּערטן און אַפילו מיט פאָנדן.

ווי עס ווייזט אויס, באַנוצן זיך די שפּאַנישע פאַשיסטישע גענעראַלן ניט בלויז מיט די פאָנדן, וואָס די פאַרשיידענע רייכע גוט־באַזיצער און באַנקירן, ווי כואַן מאַרש, האָבן זיי צוגעשטעלט, נאָר זיי ווערן אויך פינאַנציעל געשטיצט פון היטלער'ן און מוסאָליני'ן. מיר ווייסן אויך פון אַ רייע אויסלענדישע קאָרפּאָראַציעס, וואָס שטיצן זיי פינאַנציעל — אַזעלכע ווי די „אַמעריקאַן טעלעפאָן און טעלעגראַף קאָמפּאַני”, וואָס האָט נאָך אין 1934 בייגעשטייערט צום פאָנד פון דעם „אויסלענדישן לעגיאָן” פאַר זייער גוטער אַרבעט וואָס זיי האָבן געטאָן אין דערשטיקן דעם אַסטוריאַס־אויפ־

שטאַנד; די „סטאַנדאַרד אָיל קאָמפּאַני״, די „ראָיאַל דאָטש שעל״ און אַנדערע אַמעריקאַנער, ענגלישע, דײַטשע און איטאַליענישע רײַכע קאָרפּאָראַציעס. דורך די קאָרעספּאָנדענטן פֿון די דאָזיקע קאָרפּאָראַציעס, וואָס אָפּערירן אין שפּאַניע, ווערן אויך פֿאַרשפּרייט אַלערליי גרויל־געשיכטעס וועגן דער איצטיקער לינק־רעפּובליקאַנער שפּאַנישער רעגירונג און דורך זיי ווערט אויך צעבאַמקעט אומעטום אין דער קאַפּיטאַ־ליסטישער פּרעסע, אַז די לינקע, אויב זיי וועלן זיגן, וועלן גלײַך אײַנפֿירן די דיקטאַטור פֿון פּראָלעטאַריאַט און קיינער וועט ניט זײַן זיכער מיט זײַן לעבן.

ווען עס איז לאָזונג פֿון דעם סאָרט — „סאָ־וועטן", אָדער „די דיקטאַטור פֿונעם פּראָלעטאַריאַט" — וואָלט אין דעם איצטיקן מאָמענט געמיינט אַרײַנ־צושפּילן אין די הענט פֿון די פֿאַשיסטישע גענעראַלן אין שפּאַניע; דאָס וואָלט געמיינט אַרײַנשפּילן אין די הענט פֿונעם קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן טראָצקיזם, וואָס צערײַסט זיך גוואַלדעוועדיק, אַז אין שפּאַניע דאַרף מען קעמפֿן, שוין איצט, פֿאַר סאָוועטן־מאַכט, און אַז דער פֿאָלקס־פֿראָנט דאַרף איצט אויפֿגעריסן ווערן; דאָס וואָלט געווען אַ מעסער אין רוקן פֿון די שפּאַנישע העלדישע קעמפֿער; דאָס וואָלט בלויז געהאָלפֿן די שדים־פּלענער פֿון היטלער און מו־סאָליני פֿאַר אינטערווענץ; דאָס וואָלט אַרײַנגעבראַכט אַ צעטיילונג אין די רייען פֿון דעם פֿאָלקס־פֿראָנט; דאָס וואָלט אַרײַנגעשטויסן דעם גרויסן שיכט פֿונעם שפּאַנישן קלײנבירגערטום אין דער מחנה פֿון די פֿאַ־שיסטן. דאָס וואָלט אין דעם איצטיקן מאָמענט גע־קוילעט די אייניקייט פֿון אַלע אַנטי־פֿאַשיסטן און גע־בראַכט צו דעם זיג פֿונעם פֿאַשיזם.

דער איינציקער ריכטיקער לאָזונג אין דעם העלדישן קאַמף וואָס עס פֿירן איצט אָן די שפּאַנישע מאַסן מוז איצט זײַן: קאַמף פֿאַר אַ דעמאָקראַטישער רעפּובליק; קאַמף קעגן פֿאַשיזם! און אַזוי איז ער, ניט קוקנדיק אַף אַלע געבילן פֿון דער פֿאַשיסטישער פּרעסע איבער דער גאַנצער וועלט בכלל און פֿון דער הוירסט־פּרעסע אין אַמעריקע בפּרט.

„נייטראַליטעט" און די לאַגע פון דער פראַנצויזישער פאָלקס־פראָנט רעגירונג

דער פּלאַן פון די פאַשיסטישע גענעראַלן איז געגאַנגען גלייך אין אָנהייב קלאָגעדיק. גענעראַל סאַנכורכאָ, וואָס האָט געדאַרפט זיין דער הויפּט־פירער, איז דער׳הרג׳עט געוואָרן אין אַן עראָפּלאַן קאַטאַסטראָפע, ווען ער איז געפלויגן פון פּאָרטוגאַל קיין שפּאַניע איבערצונעמען די פירערשאַפט פון דעם אויפשטאַנד. דער פּלאַן צו פאַרכאַפּן מאַדריד דורך דעם דאָרטיקן גאַרניזאָן איז דורכגעפאַלן. דאָס זעלבע אין באַרצעלאָנאַ און אין אַלע וויכטיקע צענטערן. עס איז אמת, אַז פון דעם 15טן יולי ביז דעם 23טן איז די לאַגע געווען זייער אַ שווערע פאַר דער רעפּובליקאַנישער רעגירונג. מ׳האָט ניט געוואוסט וועלכע גאַרניזאָנען עס זיינען פאַרבליבן לאָיאַל; מ׳האָט נאָך געטאַפּט אין דער פינצטער. פון אַלע זייטן זיינען אָנגעקומען ידיעות, אַז דאָס מיליטער שטייט־צו צו די פאַשיסטישע גענעראַלן. די רעגירונג האָט נאָך אויך אין די ערשטע טעג ניט דערשאַצט די כוחות פון די אָרגאַניזירטע אַרבעטער און פון די פאָלקס־מאַסן. אָבער אַזוי שנעל ווי די לאַגע איז קלאָרער געוואָרן און די רעגירונג האָט זיך גענומען באַוואָפענען די אַרבעטער־כוחות; אַזוי שנעל ווי די פּראָלעטאַרישע מאַסן האָבן זיך געגעבן אַ הויב מיט זייער גאַנצער קראַפט און מיט זייער דערשטוינלעכן העראָאיזם, האָבן די אויסזיכטן אָנגעהויבן אָנצונעמען אַ העלערן ליכט. די גרילצנדיקע באַרימערייען פון די פאַשיסטישע גענעראַלן, אַז היינט־מאָרגן שמעטערן זיי זיך דורך אַ וועג קיין מאַדריד, האָבן זיך געענדיקט ווי באַרימערייען ביזן היינטיקן טאָג, ווען די שורות ווערן געשריבן. די ראָלע פון איטאַליע און דייטשלאַנד איז קלאָר געוואָרן גלייך אין די ערשטע טעג פונעם אויפשטאַנד.

מיר דאַרפן פרוּוון פאַרשטיין די לאַגע פון דער פאָלקס־פראָנט רעגירונג אין פראַנקרייך און די מאָטיוון, וואָס האָבן זי באַוואויגן אַרויסצוקומען מיט אַ לאָזונג פון „נייטראַליטעט", נאָכדעם ווי ס׳האָבן זיך

ארויסגעוויזן די הענט פון מוסאָליני און היטלער. ס'איז נאָך קיינמאָל ניט געהערט געוואָרן אין דער געשיכטע פון אזא פאַל וואו מ'זאָל אוועקשטעלן אַן אָרגאַניזירטע, דעמאָקראַטישע רעגירונג אַף איין ברעט מיט אַ כאָפּטע גאָרגל־שניידער און דערקלערן אַ פאַקטישע עמבאַרגאָ קעגן אַ געזעצלעכער רעגירונג אין איר פּאַרזוך צו אונטערדריקן די, וואָס ווילן זי אומברענגען צוזאַמען מיט דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג.

די עמבאַרגאָ ווערט דערקלערט אין נאָמען פון „נייטראַליטעט". עס באַקומט זיך אַ שוידערלעכער ווידערשפּרוך. מ'האָט ערשט אָראָפּגענומען פון אי־טאַליע די סאַנקציעס, ניט קוקנדיק אַף דעם, וואָס זי האָט פאַריאָכט עטיאָפּיע, וואָס זי האָט געפירט מלחמה מיט אַן אָרעם צוריקגעשטאַנען פאָלק קעגן די באַשלוסן פון דער פעלקער־ליג, און איצט לייגט מען פאַקטיש אַרויף סאַנקציעס אַף אַ דעמאָקראַטישער, געזעצלעכער, שלום־ליבנדיקער רעגירונג, וואָס ווערט זיך קעגן אַ פאַ־שיסטישער מיליטער־קאָמאַנדע, וואָס וויל אומברענגען די פרייהייטן פון פאָלק ?! דוכט זיך, ווי לאַנג צוריק האָט מען פאַרגאָסן דאָס בלוט פון מיליאָנען מענטשן אונטערן לאָזונג „מאַכן די וועלט זיכער פאַר דעמאָ־קראַטיע" ?!

די מאָטיוון פון דער בלום־רעגירונג זיינען:

די פאָלקס־פראָנט רעגירונג האָט זיך פאַרפליכטעט מיט אַלע כוחות צו זען אייננהאַלטן דעם וועלט־פרידן. אינעם איצטיקן פאַל איז דער וועלט־פרידן געווען אין אַ געוואַלדיקער סכנה, לויט דער מיינונג פון דער בלום־רעגירונג. ניט צו באַשטיין אַף נייטראַליטעט, וואָלט, לויט איר מיינונג, געפירט צו דעם אַז די וועלט זאָל זיך טיילן אין צוויי טיילן (פּונקט ווי זי איז עס איצט ניט צעטיילט !), יעדער טייל וואָלט געשיקט קיין שפּאַניע אַמוניציע, עראָפּלאַנען, קריג־שיפן. יעדער טייל וואָלט זיך געסטאַרעט, אַז דער צווייטער טייל זאָל עס ניט קענען טאָן און אַף אַזאַ אופן וואָלט אַרום שפּאַניע געוואָרן דער אָנהייב פון דער וועלט־מלחמה.

די בלום־רעגירונג האָט ניט פאַרגעשלאָגן „נייטראַ־ליטעט" אין דעם זינען, ווי היטלער און מוסאָליני

פּרואוון עס איצט אויסטייטשן, אין דעם זינען, אַז די רעגירונגען זאָלן אויך פּאַרווערן זייערע פּריוואַטע בירגער צו נעמען וועלכע ס׳איז שטעלונג, צו זאַמלען פאָנדן, צו גיין אַלס פרייוויליקע סאָלדאַטן. היטלער און מוסאָליני ווייסן גוט, אַז דאָס איז אוממעגלעך, ספּעציעל אין דעמאָקראַטישע לענדער. ווילן זיי בלומרשט דערווייזן, אַז זיי זיינען עס פאַר „אמת׳ער״ נייטראַליטעט און די פראַנצויזישע רעגירונג איז די, וואָס ציט צוריק איר פאָרשלאַג.

פּאַקטיש וועט דאָס מיינען, אַז פון דער נייטראַליטעט וועט גאָרנישט ווערן. היטלער און מוסאָליני וועלן גלייך געפינען אַ תירוץ, אַז אין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, צי אין פראַנקרייך, קלייבט מען נאָך אַלץ געלט פאַר דעם שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט, אָדער אַז פון פּאָרטוגאַל איז אריבערגעפלויגן אַ פּריוואַטער לופטפליער, און מעג ער זיין אפילו אַ פאַשיסט, וועט עס גענוג זיין פאַר די פאַשיסטישע היפּאָקריטן צו שרייען: „די נייטראַליטעט איז געבראָכן — זיינען מיר פריי פון דעם אָפּמאַך.״ היטלער און מוסאָליני וועלן שוין דעמאָלט אָפּענערהייט קענען שיקן זייערע קריג־שיפן מיט אַמוניציע צו די פאַשיסטן. די לאַגע וועט זיך אַף אַ האָר ניט בייטן צום גוטן. צום שלעכטן יאָ.

צי זעט דאָס אַלץ נאָך ניט איין די בלום־רעגירונג? צי קען זי זיך ניט אַנטשליסן, זי, וואָס איז די נאָענטסטע שכנה צו שפּאַניע און וועמעס הילף קען זיין אַנטשיידנדיק, צו דערקלערן אָפן און הויך פאַר דער וועלט: יאָ, מיר אונטערשטיצן די געזעצלעך־דערוויילטע דעמאָקראַטישע רעגירונג און יעדער איינער דאַרף עס טאָן, ווייל עס איז אַ פליכט צו העלפן אַ פאָלק קעגן מערדער, וואָס ווילן צונעמען זיין פרייהייט?

די בלום־רעגירונג האָט נאָך אַנדערע שטרויכלשטיינער, וואָס זי זוכט אויסצומיידן און דעריבער איז איר פּאָליטיק בנוגע שפּאַניע אַזאַ וואַקלדיקע. זי האָט מורא פאַר די ראַדיקאַל־סאָציאַליסטן, ספּעציעל פאַר דעם רעכטן פליגל, אַז זיי זאָלן זיך ניט שטעלן אַנטקעגן און ברעכן אין געפאַר דעם גאַנצן פאָלקס־פראָנט. זי האָפט, אַז די שפּאַנישע רעגירונג וועט זיך סוף־כל־סוף

ספּראַווען מיט די פֿאַשיסטן, אַפֿילו אָן איר אָפֿענער מיטהילף.

אָבער אויך די מאָטיוון קענען ניט ביישטיין די לאָגישע טענות פֿון די קאָמוניסטן, פֿון די אַנאַרכיסטן און פֿון די באַדייטנדיקסטע יוניאָנס, אַז דער פֿאָלקס־פֿראָנט איז דאָך לכתּחילה באַשאַפֿן געוואָרן פֿאַרן צוועק אָפּצושלאָגן דעם אויפֿשוואונג פֿונעם פֿאַשיזם, אָן מורא, אָן וואַקלענישן. ער איז דאָך ספּעציעל געשאַפֿן געוואָרן פֿאַר דעם צוועק צו אָרגאַניזירן די כּוחות פֿאַרן שלום און צוריקשלאָגן יעדן פֿאַשיסטישן אָנגרייפֿער. מיט אַזאַ וואַקלדיקער האַנדלונג שוואַכט מען בלויז אָפּ דעם פֿאָלקס־פֿראָנט, שוואַכט מען בלויז אָפּ די הענט פֿון די וואָס שטייען פֿאַרן וועלט־שלום און מ׳לאָזט זיך אָפּשרעקן פֿון די מלחמה־צינדער, פֿון די פֿאַשיסטישע מערדער.

די אורזאַכן פֿאַרוואָס די סאָוועטן־רעגירונג האָט זיך אויך אָנגעשלאָסן אָן דעם „נייטראַליטעט"־פּלאַן זיינען צוויי: ערשטנס, געפֿינט זיך דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד אַמווייטסטן פֿון שפּאַניע אין פֿאַרגלייך מיט וועלכער עס איז אַנדערער אייראָפּייאישער מלוכה און איר דירעקטע הילף בנוגע אַמוניציע, פּראָוויאַנט, לופֿט־מאַשינען און עקספּערטן, וואָלט צוליב דעם געווען זייער באַגרענעצט.

צווייטנס, וואָלט אַ דירעקטע הילף פֿון דעם כאָ־וועטן־פֿאַרבאַנד, אַלס מלוכה, צו די שפּאַנישע קעמפֿער דירעקט אַריינגעשפּילט אין די הענט פֿון די פֿאַשיסטן. זיי וואָלטן אין אַזאַ פֿאַל „באַשיינפּערלעך" אויפֿגעוויזן, אַז דער קאַמף וואָס קומט איצט פֿאָר אין שפּאַניע איז אַ קאַמף צווישן קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם, אַז דער סאָוועטן־פֿאַרבאַנד איז אַ געפֿאַר פֿאַר דעם קאַפּיטאַליזם אין אַלע לענדער.

דאָס וואָלט געווען אַ טייער געווער אין די הענט פֿון היטלער און מוסאָליני, מיט וועלכן צו שאַפֿן אַ פֿאַראייניקטן פֿראָנט פֿון אַלע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות קעגן דעם סאָוועטן־פֿאַרבאַנד. דאָס וואָלט שוין אויך באַוועגט די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע מלוכות, ווי ענגלאַנד, די פֿאַראייניקטע שטאַטן, יאַפּאַן און אַנדערע

צו שטעלן זיך אָפּן אַף דער זייט פון די שפּאַנישע פאַשיסטן און קעגן דעם שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט.

די הילף פאַר די שפּאַנישע פאָלקס־קעמפּער מוז פאַרשטאַרקט ווערן

מיר זיינען זיכער אין דעם זיג פון דעם פאָלק אין שפּאַניע איבער די כוחות פון רעאַקציע און פאַשיזם, ווייל מיר זיינען זיכער, אַז אַלע שונאים פונעם פאַשיזם אין דער גאַנצער וועלט וועלן קומען צו הילף פון די בראַווע קעמפּער.

בנוגע די איצטיקע כוחות־פאַרהעלטעניש צווישן די פאַשיסטישע גענעראַלן און די פון דער פאָלקס־פראָנט רעגירונג אין שפּאַניע, איז קלאָר, אַז כאָטש אין די הענט פון די פאַשיסטן געפינט זיך ניין־צענטל פונעם גאַנצן מיליטער און דער גרעסטער טייל פון דער שווערער אַרטילעריע, וואָלט די שפּאַנישע רעגירונג זיך דאָך געשפּראַוועט מיט דער פאַשיסטישער קאָנטער־רעוואָלוציע, אויב זיי וואָלטן ניט באַקומען אַזוי פיל שטיצע פון היטלער'ן, מוסאָליני'ן און פון דער פאַשיס־טישער פּאָרטוגאַל.

פיל מלחמה־קאָרעספּאָנדענטן האָבן קלאָר אָנגע־וויזן, אַז אָן דער הילף פון די אויסלענדישע לופט־פליער און פלי־מאַשינען וואָלטן די פאַשיסטישע גענע־ראַלן אַפילו קיין איין שלאַכט ניט געקענט געווינען, שוין ניט ריידנדיק פון נעמען מיט שטורעם באַדאַכאָז, אירון און סאַן־סעבאַסטיאַן.

פון דער גאַנצער שפּאַנישער טעריטאָריע האַלטן איצט די פאַשיסטן אין זייערע הענט אַרום 100 טויזנט ענגלישע קוואַדראַט־מייל, בעת די רעגירונג קאָנטראָ־לירט אַרום 92 טויזנט קוואַדראַט־מייל. אָבער וואָס פאַר אַן אונטערשייד אין דער קוואַליטעט פון דער טעריטאָריע. פון די 25 גרויסע שטעט אין שפּאַניע, מיט אַ באַפעלקערונג פון איבער 50 טויזנט איינ־וואוינער, האַלטן די פאַשיסטן בלויז עלף שטעט און די רעגירונג פערצן. די עלף שטעט צוזאַמענגענומען, וואָס די פאַשיסטן האַלטן, האָבן אַ קלענערע באַפעלקע־

רונג ווי עס האָט איין מאַדריד, שוין ניט ריידנדיק וועגן באַרצעלאָנאַ.

די גאַנצע עלעקטרישע אינדוסטריע און 75 פּראָצענט פון די קוילן־גרובן געפינט זיך אין די הענט פון דער רעגירונג. אַזוי געפינען זיך אויך אין אירע הענט די אַרץ־ און צינק־גרובן, וואָס געפינען זיך הויפּטזאַכלעך אין די פּראָווינצן פון סאַנטאַנדער און בילבאַאָ, ווי אויך די בליי־מאַינס אין דרום און די קוועקזילבער־מאַינס אין אַלמאַדען.

דערפאַר האָבן די פאַשיסטישע גענעראַלן איז זייערע הענט דעם אייזן־אַרץ אין שפּאַניש־מאַראָקאָ און די זייער וויכטיקע קופּער־מאַינס אין ריאָ־טינטאָ. אָבער די הויפּט־צענטערס פון דער אינדוסטריע געפינען זיך אינגאַנצן אין די הענט פון דער רעגירונג, צווישן זיי די הויפּט־צענטערס פון דער כעמישער אינדוסטריע (באַרצעלאָנאַ, מאַדריד און בילבאַאָ), פון דער טעקסטיל־אינדוסטריע (אומגעגנט פון באַרצעלאָנאַ און וואַלענציע), ווי אויך די שפּייז־פּראָדוקציע.

אָנשטאָט דעם האָבן די פאַשיסטן אין זייערע הענט די באַדייטנדיקע פיש־קאָנסערוון פאַבריקן אין וויגאָ און די גרויסע תבואה־געגנטן פון בורגאָס און וואַלאַדאָליד, ווי אויך די קאָלאָניאַלע געגנטן אין אַפריקע (מאַראָקאָ, וויפני, ריאָ דע אָראָ און גינעאַ), די באַלעאַרישע און די קאַנאַרישע אינזלען.

בנוגע דעם פלאָט, האָט די רעגירונג פונעם פאָלקס־פראָנט עפּעס מער ווי אַ העלפט אין איר רשות. אָבער דער רעגירונגס־פלאָט ווערט פיל געשטערט פון די בכיון־מאַנעווירנדיקע דייטשע, איטאַליענישע און אפילו ענגלישע שיפן, און ווערט אָפט גערדראָעט פון די פאַשיסטישע באָמבער און אַנדערע לופט־מחבלים.

דער הויפּט־פאָרצוג פון דער רעגירונג ליגט אָבער אין דער גרייטקייט פון די פאָלקס־מאַסן און אין זייער גרענעצלאָזער איבערגעגעבנקייט צו דער זאַך פון דעם פאָלקס־פראָנט — אַ זאַך, וואָס די פאַשיסטן האָבן ניט. וואו זיי געפינען זיך, מיט דער אויסנאַם פון דער פאַשיסטישער נאַווארא פּראָווינץ, זיינען זיי אַרומגערינגלט מיט אינעווייניקסטע שונאים—די אַרבעטנדיקע מאַסן,

וואָס וואַרטן נאָר אַף דער ערשטער געלעגנהייט צו קענען זיך אויפהייבן קעגן די פינצטערע שדים און פאַרפעסטיקן אין זייערע ערטער די הערשאַפט פון דעם פאָלקס־פראָנט.

אונזערע חברים, דאָ, פון דער סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, באַאיינפלוסט פון די טראָצקיסטישע רענעגאַטן, וואָס זיינען צו איר צוגעשטאַנען, האָבן בשום־אופן ניט געקענט פאַרדייען דעם פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע, אַזוי גוט ווי דעם פאָלקס־פראָנט אין פראַנקרייך. בלויז מיט איניקע טעג צוריק פאַר דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד אין שפּאַניע זיינען שרייבער אַרויס אין דער „סאָשעליסט קאָל" פאַר אַ פּאָליסי פון אָפּברעכן דעם פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע, ווי אין פראַנקרייך, אַלס אַ כלומרשטע פּענטע אַף די הענט פון דעם אַרבעטער־קלאַס, וואָס דערלאָזט אים ניט פירן קיין זעלבסטשטענדיקע אַרבעטער־פּאָליטיק.

די געשעענישן אין די לעצטע יאָרן האָבן שוין ניט איינמאָל צוריקגעשמיסן די דאָזיקע „לינקאַטשישע" טראָצקיסטישע איינשטעלונגען. איצט דערשיינט טראָצקי און זיינע אָנהענגער פאַר דער גאַנצער וועלט אין זיין אמת'ער געשטאַלט אַלס פאַרשווערערישער קאָנטר־רעוואָלוציאָנער, וועמעס הענט עס זיינען איינגעשמירט אין ח' קיראָוו'ס בלוט, וועלכער האָט זיך פאַרמאָסטן אומברענגען די בעסטע און גרעסטע פירער פונעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט בכלל און פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד בפרט; באַ וועמען ס'איז רעכט געווען צו צעברעכן דעם פאַראייניקטן פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע, וואָס איז אויפגעבויט געוואָרן דורך אַזויפיל קרבנות. וואו וואָלטן איצט געווען אַלע סאָציאַליסטן, אַנאַרכיסטן און קאָמוניסטן אין שפּאַניע, ווען ניט דער פאַראייניקטער פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט צוגענומען פון די פאַשיסטישע מערדער זייערע סאָציאַלע באַזעס און האָט צוזאַמענגעשמידט אַלע פאָלקס־כוחות אין דעם אייזערנעם ווידערשטאַנד, וואָס עס גיט איצט דאָס העלדישע שפּאַנישע פאָלק!

פּנים אל פּנים מיט דער שטייגנדיקער חוצפּה פון די פאשיסטישע מלחמה־צינדער, מיט היטלער'ס פארטאפּלען די צאל פון זיין ארמיי, אזוי, אז זי איז איצט די צאלרייכסטע אין אייראפּע, מיט מוסאליני'ס באַרימען זיך, אז ער קען אין פארלויף פון עטלעכע שעה מאביליזירן אכט מיליאן סאלדאטן, מוז דער ארבעטער־קלאס און אלע אנטי־פאשיסטן איבער דער גאנצער וועלט פארטאפּלען די כחות און אנשטרענגונגען און העלפן מיט אלע מיטלען און כוחות אונזערע שפּאנישע ברידער און שוועסטער וואס קעמפן אונזער אלעמענס קאמף קעגן פאשיזם און קעגן מלחמה.

אף די פייער־געצונדענע בערג אין שפּאניע ווערט איצט אויסגעקעמפט דער שיקזאל ניט בלויז פון די שפּאנישע פאלקס־מאסן, נאר אויך פון די איטאליענישע און דייטשע מאסן, פון די פּוילישע און אונגארישע, פון די אמעריקאנער מאסן אין זייער קאמף קעגן די ליבערטי־ליגס און מארגאנס און הוירסטס. א מפּלה פארן פאשיזם אין שפּאניע וועט מיינען די מפּלה פון די היטלערס און מוסאלינים, וועט מיינען הילף פאר דעם סאוועטן־פארבאנד, דער וויכטיקסטער וועלט־פעסטונג פאר שלום און פאר אמת'ער דעמאקראטיע.

די אידישע ארבעטנדיקע מאסן אין דער גאנצער וועלט דארפן באגרייפן, אז א זיג פונעם שפּאנישן פאשיזם מיינט די פולשטענדיקע אויסראטונג פון די 25 טויזנט אידן אין שפּאניע. די פאשיסטישע גענעראלן האבן שוין וועגן דעם געגעבן א קאפּוליער אנצוהערעניש. א זיג פונעם פאשיזם אין שפּאניע מיינט צו דערמוטיקן נאך מער די פּוילישע פאשיסטן מיט זייער פּאגראם־פּאליטיק בנוגע צו אידן. עס מיינט צו דערמוטיקן דעם „אייזערנעם פראנט” אין רומעניע, צו פארשטארקן נאך מער דארט דעם פאשיסטישן קורס, וואס די רעגירונג האט איצט אנגענומען. דאס וואלט מיינען, ווי אונזער געניאלער פירער, חבר סטאלין, האט אנגעוויזן, צו פארשטארקן די כוחות פון דער מלחמה אף דער וועלט קעגן די כוחות פונעם שלום.

די אידישע ארבעטנדיקע מאסן אין אמעריקע זייַנען צו ווייט פון דעם שפּאנישן פראנט, אז זיי זאלן זיך

דירעקט קענען באטייליקן מיט ביקסן אין די הענט אין די שלאכטן, ווי עס טוען פיל אידישע ארבעטער אין שפאניע, פיל אידישע ארבעטער פון פראנקרייך און בעלגיע. זיי זיינען שטאלץ מיט אזעלכע בראווע קעמפער, ווי לעאן באום, דער אידישער פאריזער ארבעטער, וואס האט מקריב געווען זיין לעבן אין שפאניע, אינעם פארצווייפלטן קאמף ארום סאן־סעבאסטיאן. אבער די אידישע ארבעטער אין אמעריקע זיינען ניט צו ווייט צו קענען העלפן מאראליש און פינאנציעל די הערא‍אישע קעמפער אף די פאזיציעס. יעדער דאלאר איז א קויל אינעם הארץ פונעם פאשיזם און א שוץ־וואנט פאר די בראווע העלדן!

זיי זיינען ניט צו ווייט צו פאדערן פון דער אמעריקאנער רעגירונג אפצושטעלן יעדע הילף פאר די פאשיסטישע גענעראלן און העלפן מיט אלע מיטלען די געזעצלעכע, דעמאקראטישע שפאנישע רעגירונג, א זעץ צו טאן איבער די הענט פון די פאררעטער צו זייער פאלק און לאנד.

די „נייטראליטעט"־פאליטיק פון דער רוזוועלט־רעגירונג בנוגע דעם קאמף אין שפאניע מוז באקעמפט ווערן ענערגיש פון אלע ארבעטנדיקע און פרייהייט־ליבנדיקע מענטשן אין אמעריקע. נייטראל זיין אין דעם קאמף — מיינט דערמוטיקן די פאשיסטישע מחבלים; מיינט אפצונעמען פון א געזעצלעך־דעמאקראטישער רעגירונג דאס רעכט פון פארטיידיקן זיך קעגן באנדיטישע פאשיסטישע גארגל־שניידער; מיינט אפצונעמען פון א גאנץ פאלק דאס רעכט אף זעלבסט־באשטימונג, דאס רעכט ניט צו לאזן זיך באהערשן פון א באנדע פאראזיטן און וועלט־צינדער.

עס מוזן זשומען די טעלעגראף־דראטן מיט פראטעסטן קעגן אזא פאליטיק צו דעם אמעריקאנער סטייט־דעפארטמענט, צו פרעזידענט רוזוועלט. עס מוזן פארקומען מאסן־פארזאמלונגען און פראטעסט־דעמאנסטראציעס, וואס זאלן אויפטרייסלען דאס לאנד קעגן אזא פאליטיק. אלץ אין דער וועלט מוז איינגעשפאנט ווערן צו דער הילף פון די העלדישע קעמפער, וואס גיבן איצט אפ זייער לעבן פאר דער פרייהייט פון

שפּאַניע'ס זין און טעכטער און פאַר דער פרייהייט פון דער גאַנצער וועלט.

אַזעלכע העלדנטאַטן, ווי עס ווייזן איצט אַרויס די אַנטי־פאַשיסטישע קעמפער אין שפּאַניע, האָבן ווייניק פאַרגלייכן אין דער גאַנצער וועלט־געשיכטע. די וועלט גאַפט איבער די בראַוועו, זיך אויפאָפּפערנדיקע העלדיש־קייט פון די אַסטוריע־מיינער, וואָס וואַרפן זיך אַף די פאַשיסטישע בעסטיעס מיט שטיקער דינאַמיט, און שטייען אין געפאַר יעדן אויגנבליק אַליין אויפגעריסן צו ווערן. אַזעלכע העראָאישע פיגורן, ווי פראַנציסקאָ גאַרסיאַ, דער 19־יעריקער אַרבעטער־העלד, וואָס האָט איינער אַליין אויפגעריסן אַף דעם טאָלעדאָ־פראָנט אַ בריק מיט פאַשיסטיש מיליטער, און איז דערביי אַליין אומגעקומען, שרייבן אַריין אין דער העראָאישער גע־שיכטע פון אַרבעטער־קאַמפן נייע גלענצנדיקע שורות פון אייביקן רום און פּראָלעטאַרישן אייזערנעם מוט.

קענען מיר פאַרגעסן אַף איין רגע אַזעלכע וואַגנ־דיקע העלדן? קענען מיר אַף איין רגע פאַרגעסן די הונדערטער און הונדערטער מיידלעך און פרויען, טעכטער און שוועסטער, כּלות און פרויען פון די אַר־בעטנדיקע שיכטן, וואָס פאַרגיסן איצט זייער בלוט אַף די געצונדענע שלאַכט־פעלדער, אין די סאַמע פאָדער־שטע רייען פון די גליענדיקסטע, בלוטיקסטן קאַמפן?

לאָמיר זיך איינקריצן אין האַרצן די פייערדיקע ווערטער פון חבר'טע פּאַסיאָנאַריאַ'ס באַריכט פונעם פראָנט:

„... די מאַמעס ווייגען ניט איבער זייערע זין, וואָס פאַלן אין שלאַכט. זיי זיינען שטאָלץ מיט דעם, וואָס זיי האָבן געבאָרן העלדן! כּלות און שוועסטער איילן זיך צום שלאַכטפעלד צו פאַר־נעמען דעם פּלאַץ פון זייערע געפאַלענע ברידער און חתנים. אויך זיי זיינען גרייט זייער לעבן צו געבן פאַר דער פרייהייט, ווייל דער פאַשיזם טאָר בשום אופן ניט זיגן!"

ניין, דער פאַשיזם טאָר אונטער קיינע שום אומ־שטענדן ווייטער ניט צינדן די וועלט!